STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06392

# IN DI OYGN FUN A SHVARTSER KAVE

Yisrael Berkovitsh

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישראל בערקאָוויטש

# אין די אויגן פון א שווארצער קאווע

ישראל בערקאָוויטש

# אין די אויגן
# פון א שווארצער קאווע

לידער

פארלאג — „קריטעריאן"
בוקארעשט 1974

הילע געצייכנט פון דומיטרו באדעסקו

# מײַן אַלטע הײם

# פרימאָרגן

פרימאָרגן־שטיל.
פון ווייטנס הערט זיך בלויז א הונט־געביל.
די זון קומט אויפדעקן דעם וואלד פון נעפל־טיל
און באראט זיך מיט אים, פרעגנדיק די בלעטער,
צי זאָל זי היינט ארויסקומען,
צי אפשר לאָזן בייטן זיך דאָס וועטער.
דער וואלד, ער לאָזט זי שטיין אויף הימלס כמארע־שוועלן
און טראכט ביי זיך: זאָל די טון וואָס זי וועט וועלן.
ליב האָט ער די זון מיט אירע הייסע שטראלן,
ער ווייסט, אז זי העלפט גרינען,
זי העלפט אָבער אויך וויאנען
און ווען עס קומט די צייט און בלעטער פאלן...
איז, וואָס־זשע האָט ער זי צו ראָטן?
אין תוך, ליבערשט האָט דער וואלד דעם שאָטן.
ס'אוועק די זון, אים נישט געוואָלט דערקוטשען.
נאָר ס'האָט דער וואלד־גזלן — די זעג — באלד אָנגעהויבן קוויטשען.
א יעדן טאָג א שטיק פון לעבן זיינעס, נעמט ער
און שרייט אים אין די אויערן נאָך, דער אומפארשעמטער.
ס'פאלן זיינע קינדער, ברידער, שוועסטער, זיידעס,
און ס'בלייבט דער וואלד מיט אלץ וויניקער עדות...
אזוי א גאנצן טאָג, אין אנגסטן און אין צרות
ציטערט אויף דער וואלד
פאר טויזנטערליי סברות:
באלד מעסט מען אים די לענג,
באלד מעסט מען אים די ברייט — פארשטייט ער:
דער חשבון ווערט געמאכט פאר האָלץ, פאר ברעטער.
נאָר פון זיין יאָמער און זיין טראכט
אויפגעטאָרעט האָט אים דער פארנאכט.
דערהערט ער האָט די ביו־השמשותדיקע שטיל.
פון ווייטן הערט זיך ווידער, בלויז א הונט־געביל.
דער וואלד, ער בייט זיין פארב,
פון העלן גרין, אויף גרינלעך־בלוי, און אשיק.
פון צווישן ריאָדעס, שטעקט ארויס לבנה א שטיקל דאשיק.

די שטערן אויפֿן הימל הייבן אָן זיך איבערווינקען
און אלץ ווערט אין דער נאכט פארזינקען.
פינקטלעך ווייסט דער וואלד אויך נישט פארוואָס,
נאָר פאָרט — באנאכט, פילט ער זיך מער באלעבאָס.

*

און דער וואלד־היטער דער אלטער,
הערט זיך צו
מיט זיין חכמה מיט זיין קאלטער
און ער טוט דערביי א שמייכל:
— וואלד, וואלד, לאנגע צווייגן — קורצער שכל!
נאָר אויס מורא פארן טויט,
ווילסטו זון מיט שאָטן גאָר פארבייטן?
הער־זשע וואָס מען זאָגט ביי לייטן:
ווער אין לעבן דינט זיין צייט,
לעבט אין אלע צייטן.

# א קינד אין פעלד

גייט ארום א פאסטעכל אין פעלז.
זיינע איז די גאנצע וועלט...
שפאנט ארום א באָרוועסער,
שפיגלט זיך אין טוי ער,
טראָגט א קוטשמע א שפיציקע
אויפן רעכטן אויער.

אין איין האנט א שטעקן
אויף דער פלייצע א טרייסטע
אין צווייטער האנט א פייפל
די שעפעלעך צו טרייסטן.

גייט ער נאָך די שעפעלעך,
די שעפעלעך נאָך אים,
פליט פאָרויס א ווינטל
און סע רופט זיי: קום!

הייבט דאָס ווינטל אָן צו זינגען
און די גראָזן זיך צו וויגן,
שטעלט זיך אָפּ פון וועג דער פאסטעך
און פייפט נאָך דעם ניגון.

בויגן לעמעלעך די פיסלעך
און זעצן זיך אויף דר'ערד,
הערן אויף צו ציפּן גרעזלעך
און שטילערהייט מען הערט...

גייט אַרום אַ קינד אין פעלד,
מיט צוויי אויגן זוכנדיקע,
דערנענטערט זיך צום פאַסטעך
מיט קליינע טריט ווי קריכנדיקע.

הערט דאָס קינד דאָס זינגען,
בלייבט עס שטיין אַביסל ווייטער.
זעט דאָס קינד דער פאַסטעך
און רופט עס צו זיך נענטער.

— קום אַהערצו, יינגעלע,
וועמען זוכסטו? זאָג מיר!
צי האָסטו עפּעס פאַרלוירן,
וואָס בלאָנקעסט אום פאַרטאָג מיר?

ציטערן ביים קינד די ליפּלעך
און דאָס פּנים הייבט אָן בלייכן
קוקט דעם פאַסטעך אין די אויגן,
ס׳איז זיין קוק אַ פראַגעצייכן...

— זאָג מיר, פאַסטעכל, וווּ וווינסטו,
הייבט דאָס קינד אָן פרעגן.
וויאַזוי לעבסטו און וואָס עסטו
און וווּ גייסטו זיך לייגן?

— עס דערקענט זיך ביסט אַ קינד נאָך
און האָסט ווייניק שכל.
ענטפערט אים דער פאַסטעך
און טוט דערביי אַ שמייכל.

מיט עסן, קינד מיינס,
נעם איך זיך נישט איבער
כ'האָב אזויפיל, קיין עין־הרע,
אז ס'בלייבט נאָך איבער.

די זון איז מיר א זייגער,
די ערד איז מיין געלייגער,
וויבאלד איך ווער אנדרימלט,
דעקט מיך צו דער הימל.

די שאָפן־וואָל היט מיך פון קעלט,
מיינע איז די גאנצע וועלט...
בלייבט דאָס קינד פארטראכט...
פרעגט דער פאסטעך וואָס עס טראכט.

שיסט דאָס קינד אויס א געוויין,
פארשטייט דער פאסטעך נישט דעם מיין.
פרעגט דער פאסטעך:
— נו וואָס איז דיר?
פארוואָס וויינסטו? זאָג געשווינד!

— איך וויל בלייבן דאָ מיט דיר,
איך וויל זיין דיין קינד.
נעמט דער פאסטעך אויף די הענט אים.
אין די אויגן זיינע זוכט ער:

— ביסט א נביא, צי א דיכטער?
עס ציט דיין הארץ צו פאסטעך־לידער?
ווילסט אוועק פון שטאָט־גערידער?
ניטע, קינד, מוזט בלייבן ניכטער.
גיי אין שטאָט און ווער איר דיכטער.
עס גארט דער מענטש פון שטאָט־געריידער
נאָך דער שטיל פון שטילקייט־ליזער.

פאָלגט דאָס קינד און גייט אוועק
און ס'האָט חרטה אין האלבן וועג...

קוקט זיך אום און זעט
ווי ס'גייט א פאסטעכל ארום אין פעלד
און זיינע איז די גאנצע וועלט!

# אומרו

ס'איז דאָס לעבן קאָרג געווען מיט מיר פון קינדווייז־אָן
און ס'האָט די פרייד מיך אויסגעשלאָסן פון איר קאָן.
אלס קינד, כ'האָב אויף דער וועלט געקוקט מיט אלטע ברילן
און געפרוווט מיין אומרו ביי דער אלטקייט שטילן.
נאָר קיינמאָל ס'האָט מיין הארץ נישט אויפגעהערט צו גלייבן
אז ערגעץ איז פאר יעדן דאָ א טראָפן גליק אין לעבן.
א העלפט פון לעבן אָפּגעלעבט אליין אין ספקות גרויער,
און מיר געגומען פאר א פרייד דעם טרויער.
דאָס העכסטע גליק וואָס כ'האָב דערוואַרט ביז גאָר
געווען איז, קרייזלען אויף מיין שלייף א זילבער־האָר.
די ליבשאפט כ'האָב געשענקט דער בלום און דעם באַגינען
און זעלטן ווען, כ'האָב מיר א גלעט, א קוש, פארגינען.
נאָר ס'האָט די קלוגע האָר געלאָזט מיך וואַרטן לאַנג,
ביז ווען א גליק א נייעס עס האָט באוויזן זיך אין גאנג.
כמעט שוין אין מיין צווייטער עלטער, דער האלב־רייפער,
געקומען איז דאָס גליק פון ליבע און פון אייפער...
אקעגנגייענדיק דעם גליק אין גאָלדענעם קאַיאָר,
דערזען כ'האָב אויף מיין שלייף, די זילבער־האָר...

כאָטש קיינמאָל ס'האָט מיין הארץ נישט אויפגעהערט צו גלייבן,
אז ערגעץ איז פאר יעדן דאָ א טראָפן גליק אין לעבן,
קוק איך אויף דער וועלט איצט, מיט מיינע אלטע ברילן
און קאָן נישט מער מיין אומרו ביי דער אלטקייט שטילן,
דעם אומרו וואָס מיך יאָגט צו בארג און טאָל,
איך זאָל דאָרט אויספרייען — צוויי גליקן מיטאמאָל.

# אויגן ווארטן אויף א ניגון

אמאָל, אמאָל,
נישט אויף בארג
און נישט אין טאָל,
אין א שטעטל אויף א ווייסן שטיין,
איז דאָס מעשהלע געווען.

עס האָט זיך אין שטעטל געוועבט
דאָס לעבן, געוויינטלעך, ווי ס'וועבט זיך דאָס לעבן.
עס האָבן אין שטעטל געלעבט,
ווי ס'לעבט אויף דער וועלט זיך פון אייביקע יאָרן:
רומענער און יידן, ציגיינער, דערנעבן,
פון גאָר אלטע צייטן אהערצו פארפאָרן.
רומענער עס האָבן פון שטייניקער ערד
באקומען מיט שווייס דאָס ברויט וואָס דערנערט.
עס האָבן די יידן אין שטעטל פון שטיין,
געארבעט מלאָכות, גמסחרט, געזוכט אויך פארשטיין
פון באשאפונג דעם סוד, וואָס אזוינס וועלט,
וואָס אזוינס גאָט?
און ווען פון די וועלדער, וואָס האָבן געוואַקסט ארום שטעטל,
פלעגט דוינע־ניגון שפעט פארוויגן
דעם רומענער, א טויט־מידן פון פאפשויעס־פּראשען,[1]
פלעגן יידן חקרנען, האָבן א ויכוח מיט רש״ין.
און ציגיינער פלעגן אין דעם ווייסן שטעטעלע אויפן שטיין,
אומגיין ווי אן עדות, א באוויז,
צו באווייזן שוואַרץ אויף ווייס,
אז אין דער וועלט, נאָכן באשאף,
ארייננעכאפט זיך האָט א גרויסער גרייז.
ס'האָט יענער גרייז, די ווייסע וועלט, אין אלע עקן,
אָנגעפולט מיט שווארצע פלעקן.
און ווייל ציגיינער ווערן אויך ווי א מין פלעק באטראכט, אומגערן,

[1] פראשען — אונטערשארן מיט ערד יעדעס קוקורודזע־שטענגל אין אויסהאקן דאָס ווילדגראָז.

זיי אויף זיך גענומען טון אזוינס, די וועלט זאָל כאָטש אַביסל
שענער ווערן.

זיי, די שווארצע, אָנגעהויבן גאָר די וועלט אויסווייסן...
שטיבעלעך מיט קאַלעך, דאָס געשיר מיט צין
און אויף אלע גאסן, שווארצע קוילן, פייער־רויט, ביז ווייס צעגליען.
אלץ כדי דאָס לעבן מאכן שענער, ליבער,
אָנגעהויבן זיי פארקויפן בלומען אין די שטיבער,
און דעם שווארצן אומעט־שאָטן צו פארטרייבן, בין השמשות און באגינען,
אויסגעכישופט זיי דעם גילגול פון דער ערשטער וועלט־נגינה.

אפשר זיי אליין א גילגול פון א ווייסן ניגון,
טראָגן זיי מיט זיך א חלום וואָס זיי וויגן,
אויף די סטרונעס פונעם ווינט אין זייער וואנדער־וואָגל
און פילן אָן מיט אים דעם טראָפּן טוי
וואָס פאלט אויפן שטערן פון א קינד
צי אין אן ערדענעם לאָגל.

ס׳איז ווייט שוין די צייט
ווען דאָס איז געשען
אין שטעטל פון שטיין.
כאָטש ווייט דער אמאָל,
גלייך ערשט נעכטן געשען.
ביי א שטיינערן שטיבל, אין שטעטל פון שטיין
איז א ציגיינער געקומען צו גיין.
פארנאכט, ווען די זון מיט לבנה זיך בייט,
געבליבן איז שטיין ער אויף שוועל ביי דער זייט.
דאָס היטל אין האנט ער געדרייט ווי א ריידל
גערעדט מיט די אויגן צום בלאָנד־ווייסן מיידל.
דאָס בלאָנד־ווייסע מיידל פון שטיינערנעם שטיבל,
שטום ער געבעטן נישט האָבן פאריבל.
אין אויגן זיינע שווארצע, באהאלטן ער האָט
דעם חלום דעם ווייסן
די פארב פון די בלומען וואָס נישט זיך פארגינען
פאר איר אָפּצווייסן.
די לידער פון ליבע פאר איר די מתנות,

געהאלטן אין ציטער פון זיינע ליפּן סטרונעס.
דער ווינט אויף זיין קאָפּ צעפּאַכט האָט דעם טרוים
פאַרן בלאָנד־ווייסן מיידל, ווי צווייט אויף א בוים
און ס׳האָבן דעם מיידלס פאַרכישופטע אויגן
געזען אויף דער וואָר, דעם חלום דעם ווייסן,
געקוקט אויף ציגיינערשע פעך־שווארצע לאָקן
וואָס האָבן געלאָקט זי און גאָרנישט געשראָקן.
פון שווארצע אויגן שטראַלט א ווייסע שיין,
וואָס הייסט די מיידל־ליפּן זאָגן: קום אריין !
הערן זיך אין שטיבל טריט אין גאנג,
ווערט דאָס שטיבל פול געזאנג.
טאַטע־מאַמע הערן דאָס געזאנג מיט חידוש:
מאָדנע קלינגט עס, נישט ווי דוינע,
נישט ווי יידיש.
ציטערן די ליפּן־סטרונעס פון ציגיינער,
ווי זיי וואָלטן וועלן זאָגן:
ס׳איז דער ניגון אונדזער אלעמענס,דיינער, זיינער,
פון אייביקייטן אלע נאָך, קלאַפּט אָן אין יעדער טיר ער.
איצטער, איז דער ניגון מיינער נאָר און אירער.
הערט, וויפל ס׳אייך באשערט.
שאַפט דער ניגון בלויז א רגע גליק,
ווערט פאַרשווונדן ער און קומט נישט מער צוריק.
אין זיין וואנדערן זוכט ער זיך א נייעם תיקון
אין פאַרליבטע פּאָרלעכס בליקן.
פאַר שרעק, ווערט טאַטע־מאַמעס פּנים וויס.
יונגע, ברענענדיקע אויגן, קוקן פלאַמענדיק זיך איבער,
פונקען צינדן אָן און לעשן זיך אויס איינציקווייז,
עפּעס וואלגערט זיך אין פיבער...
בעסערט אויס אויף וועלט זיך, איצטער, כאָטש איין גרייז?

.......................................

ס׳האָט דאָס פינקען־שפּיל א רגע,
א רגע זיך געצויגן,
און מיט לעצטן פונק
דער ציגיינער און דער ניגון
זענען זיך צעפלויגן.
ווייל אזוי איז שוין דער ניגון
וואָס באַצויבערט האָט דאָס קינד.

שאפט ער נאָר א רגע גליק,
טוט ער תכף א פארשווינדט
א סימן איז דאָס, שווארץ אויף ווייס,
ווי שוועב עס בעסערט זיך אויף וועלט א גרייז.

ס'איז ווייט שוין די צייט
ווען דאָס איז געשען.
נישט אויף בערג און נישט אין טאָל,
אין דעם שטעטל אויף דעם ווייסן שטיין.
כאָטש ווייט דער אמאָל,
גלייך ערשט נעכטן געשען.
דאָס שטעטל זיך לעבט,
דאָס לעבן זיך וועבט,
נאָך היינט עס פארבלאָנדזעט, צומאָל נאָך דער ניגון,
ביים פענצטער פון הייזל ער פאָכט מיט די פליגל.
נאָר בלייבן, ער בלייבט מער נישט שטיין,
פארגעסן ער וויל וואָס ס'איז אים געשען.
און דאָס מיידל, דאָס בלאָנד־ווייסע,
גייט ארום שוין טעג און יאָרן
אויף דעם ניגונס שפורן.
פארשטייענדיק ערשט איצט וואָס ער האָט געמיינט
ליגט זי דורך די נעכט און וויינט.
גרויסע מיידל־טרערן פאלן אויפן ווייסן קישן
און די אויגן ווארטן,
אז א נייער ניגון זאָל זיי קומען קושן.

# אין ווייַנגאָרטן

אין ווייַנגאָרטן איז יעדעס בלאַט
אַליין פֿאַר זיך אַ שטיק געשיכטע
ווו יעדער שיכּור דאָרט פֿאַרשרייבט
זיין שיכּור־טרוים צו לעבן ניכטער.
און שרייבן שרייבט אין בלאַט אַזוי:
די טרויבן טרינקען טוי
די טויען טרינקען טרויבן־זאַפּט
און פֿון דעם וועקסל־טרינק אַזוי,
איינס דעם אַנדערן גיט קראַפט.
די טרויבן פֿונעם טוי זיי ווערן פֿריש און ניכטער
די טויען פֿון דעם טרויבן־זאַפּט זיי ווערן שיכּור.
אויף וויין־בלעטער פֿאַרבלייבט פֿאַרשריבן די געשיכטע
און וואָס עס בלייבט — דאָס איז דער עיקר.
און שיכּור־טרוימען שיכּורן
מיט וויינען רויטע, ניכטערע,
ביז טאָג־וואָר קומט דערשיטערן
די נאַכט ווערט אַ געדיכטערע.
און ווען שיכּורים אונטערשיידן קוים
וואָס בעסער איז, צי וואָר צי טרוים,
וואָר און טרוים טרינקען לחיים
און מען הייבט אָן לעבן ערשט אַ טאָג אַ נייעם.

## עס געדענקט זיך...

עס געדענקט זיך אים, ער איז געווען א טראָפּן טוי,
האָט די גאנצע וועלט געוואָלט זיך אין אים באָדן, שפּיגלען.
נישט געקאָנט האָט ער זיך ווערן, ווייל ער איז געווען קליין,
איז ער ביסלעכווייז פארשוווּנדן,
אָן אפילו צו פארשטיין, פארוואָס דאָס איז געשען.

עס געדענקט זיך אים, ער איז געווען א זונענשטראל,
האָבן אלע אין זיין שיין און ליכט
געוואָלט זיך היילן און דערווארעמען.
נישט געקאָנט האָט ער זיך ווערן
ווייל ער איז געווען צארט.
איז דאָס ליכט פארצערט געוואָרן
און די שיין האָט מען פארנארט
און די זון — זי וויינט און ווארט.

עס געדענקט זיך אים, ער איז א בלום געווען,
האָט מען יעדן טאָג אים אָפּגעריסן אויפדאָסניי.
נישט געקאָנט האָט ער זיך ווערן,
ווייל געפעלט האָט אים דער דאָרן.
האָט ער פראכט און דופט פארלאָרן,
טרוקן זיך פארמאכט אין זיך,
טאָג און נאכט און אויך אין די קאָיאָרן.

עס געדענקט זיך אים, ער איז געווען א פויגל,
האָט מען פארלאנגט ביי אים, ער זאָל זינגען פאר דער גאנצער וועלט,
און נישט פליען זאָל ער העכער ווי עס פליען אלע פליגן.
נישט געקאָנט האָט ער זיך ווערן,

ווייל אָן נעגל ער געהאט האָט פיס און פליגל
און געבליבן מיט א בענקשאפט צו די הויכע שטעון.

עס געדענקט זיך אים, ער איז א קינד געווען,
ריין — די אומשולד האָט פון אים געבלענדט.
האָבן אלע, פאר גרויס ליבשאפט,
אים גענומען אויף די הענט.
נישט געקאָנט האָט ער זיך ווערן,
ווייל — וואָס ווייסט א קינד?
נאָך דער קינדיש ווייסער ריינקייט,
בענקט זיך אים אצינד.
בענקט און טרוימט אז אין א טאָג
וועט דער טראָפן טוי
ווידער ווערן טוי,
און דער זונענשטראל קושן וועט די בלום,
און דער פויגל פליען וועט, א שטערן ווען.
און ווי נאָך א גרויסן שטורעם
— איידער ס'הייבט אָן רעגענען —
וועט מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס,
אים א קינד באגעגענען,
אים ארומנעמען און זאָגן:
— מיר איז אויך אזוי געשען.
און זיי וועלן ווידער,ביידע,
ווערן קלאָר און ריין.

# שוואַרץ אויף ווײַס

שוואַרצער הימל, האָט די נאַכט
שטאָט באַדעקט מיט ווייסער פּראַכט.
ווייס אויף טאָג די הענער קרייען,
שוואַרצע נאַכט צעגייט אין ווייען.
שיט דער ווייסער שניי און שיט,
און פאַרשיט די שוואַרצע טריט.
שנייעט אויף די ווייסע נאָנעס
און אויף קויל־שוואַרצע וואָראָנעס,
ווייסע פערדלעך יאָגן פלינק,
שוואַרצער גלאָק פון שליטן קלינגט.
שוואַרצער גלח, זאָרט אין קלויסטער,
מיט ווייס געזאַנג גאָטס נאָמען גרויסט ער.
שוואַרצע שטיוול, פריש געשמירט,
קוטשמעס ווייסע־אין מאַרק מען פירט.
אין די אויוונס, ס'שוואַרצע ברויט
לאַכט צו פלאַם, האַלב־ווייס, האַלב רויט.
אין דעם שוואַרץ־ווייסן געטומל,
אויף ווייסער ערד מיט שוואַרצן הימל
שאַרט די פיס, אין ווייסע זאָקן,
אויף גאַס פון שטאָט, דער זקן,
אין ווייסן טלית, ווי א רעליקווע,
דער שוואַרצער רב, — ער לויפט אין מקווה.

# איך וועל שוין קיינמאָל קיין פּאָעט נישט ווערן

איך וועל שוין קיינמאָל קיין פאָעט נישט ווערן,
ווייל טראָפּן טוי
דערמאנען מיר, מיין מאמעס טרערן
וואָס זי פלעגט, שטילערהייט, אין האנטוך אויסבאהאלטן
פרייטיק־צונאכטס ביי ליכט־בענטשן,
טראכטנדיק דערביי, צו אלע שטוב־מענטשן.

איך וועל שוין קיינמאָל קיין פאָעט נישט ווערן,
ווייל דאָס לבנה־רייפל אויפן הימל אין די ערשטע טעג פון חודש,
דערמאנט מיך אין חופה־קידושין־רינגל
וואָס מיין טאטע האָט געקויפט דער מאמען — נאָך אלס יינגל
און איך — זייער זון — האָב עס געטראָגן צו דעם גאָלדשמידט הערשל,
אלס משכן פאר א גמילת־חסד.
ער האָט דאָס איינגעוויקלט אין א צעטעלע,
אויף וועלכן ער האָט דעם טאטנס נאָמען אָנגעשריבן,
און דאָס רינגל איז ביי אים אויף תמיד שוין פארבליבן.

איך וועל שוין קיינמאָל קיין פאָעט נישט ווערן,
ווייל אויך שפעטער, ווען דאָס לבנה־רייפל אביסל פולער ווערט,
דערמאנט עס מיך אין א דין לימענע־רייפטל
וואָס כ'האָב אזויפיל מאָל געזוכט אין גלאָז מיט טיי
און נישט געפונען. פארוואָס?
ערשט היינט איך עס פארשטיי.
און ווען לבנה איז באלד פול
און קיילעכדיק זי הייבט אָן ווערן,
דערמאנט זי מיך אין א באַזשיבעט ברויט,
פון וועלכן מיין ברודער האָט אויפן וועג פון בעקעריי אהיים צוריק
אָפּגעציפּט א שטיק.

איך וועל שוין קיינמאָל קיין פאָעט נישט ווערן.
ווייל אין בעטהאָוונס סאָנאטן

הער איך עפּעס א געבעט פון דאַווענען גאָר פון מײַן טאַטן.
און קוק איך צו די שטערן,
דערמאָנען זיי מיך אין זשאַנדאַרמסקע געלע קנעפּ,
און מיר קלינגען אין די אויערן, קלעפּ.

און זע איך ווען א רעגנבויגן,
גייען איבער מיר די אויגן.
ווייל איך געפּון נישט אין זכרון קיין פאַרגלייך —
אין מײַנע קינדער־יאָרן — צו עפּעס אַזוי פאַרבן־רײַך.

# מײַן טאַטנס האַנט

יאָ, אין א שעה ארום פלי איך.
אלץ איז איינגעפּאַקט,
די רענצלעך צוגעמאכט,
איך לאָז מיך באלד אין וועג אריין.

עפנט זיך די טיר
און מיין טאטע קומט אריין:

זון מיינער, ישראל,
פאָרסט קיין ארץ ישראל?
איך בין געקומען דיך באגלייטן
און דיך עפּעס בעטן.
ווייסט דאָך אז געווען איז נישט באשערט
איך זאָל דאָרטן לעבן
צי כאָטש ליגן דאָרט אינדרערד.
ווייזט אויס אז איך בין נישט ווערט.
וויל איך זאָלסט אהין מיטנעמען
פון מיין קבר כאָטש אביסל ערד.
און נאָך עפּעס בעט איך דיך:
פאראנען דאָרט א זינגער, פון מיין פאך,
א שניידער,
וואָס ביים דיכטער־צעך ארויסגערופן האָט
די גרעסטע נייד ער,
כ׳האָב אמאָל ביי זיינס א ליד געלאָזט א טרער
זאָג אים דאָרט אז איך געדענק דאָס
אפשר וועט אים גרינגער ווערן
כ׳האָב געהערט אז ס׳איז אים שווער.
איך זאָגצו מיין טאטן אויסצופירן די שליחות.
ער טוט מיר אָן דאָס רעקל
טוט א גלעט די אקסל און די לאפּן,
פּרווט די קנעפּלעך
צי זיי זענען אָנגענייט פעסט

און נעמט ארום מיך צו געזעגענען:
פלי בשלום, לאָז דאָרט גריסן די משפחה,
די באקאנטע און גלאט אזוי ישראל־יידן
און ווייס איך בין מיט דער נסיעה דיינער
גליקלעך און צופרידן.
מיר מוזן איצט צעשיידן זיך
זון מיינער, ישראל,
פארשטייסט אליין מסתמא
איך מוז צוריק אין קבר גיין
איך דארף דאָרט ווארטן אויף דער מאמען.

ארום מיר, באגלייטער, אלע וויסן דערפון גאָרנישט.
גיבן אלע מיר די הענט
און איך פיל אין יעדער האנט
מיין טאטנס האנט.

# מײַן אַלטע הײם

אין מײַן אַלטער הײם
פֿלעגט טרויער רעדן מיט דער צונג פֿון אַלטע קלויסטער־גלאָקן
און דער דלות האָט שפּאַצירט אויף גאַסן
אין די הוילע זאָקן.
ס'האָט דער פֿויגל־טריל געקריצט מיט זשאַווער פֿון די דעכער
און דער הונגער האָט געגנערט זיך פֿון די לונגען־לעכער.
ס'פֿלעגט דער ווינט זיך דרייען אויף פּוסטע רוישנדיקע מערק און
ווערן מיד,
ביז ער איז אויסגעגאַנגען קרעכצנדיק, ווי אַן אַלטער פֿויער,
ווי אַן אַלטער ייִד.

שפּאַן איך אויף די גאַסן פֿון מײַן אַלטער הײם,
זע איך אין די נײַע פֿענצטער
אַן אַלטן שמייכל אין געהיים.

אַלץ אַרום האָט זיך געביטן
און ס'האַלט זיך ערשט אין בײַטן,
נאָר די שטערן אויפֿן דאַך
שלאָפֿן ווי אין מאַנגערס צײַטן.

# פאַרשטייט מיך, גערטנער

## העגער־קריי

שמועסן זיךביים פלויט א יינגל מיט א מיידל.
שמועסט מען — נו, מילא.
ער מיט א קוטשמע,
זי מיט א פאטשיילע.
ער מיט א הון,
זי מיט א האָן.
רעדט מען אזוי לאנג, מע רעדט,
באווייזט זיך די לבנה און זאָגט זיי אז ס'איז שפעט.
מוז מען זיך צעשיידן.
צעגייען זיי זיך ביידע.
נאָר איך ווייס נישט פארוואָס,
ווען זיי האָבן זיך צעשיידט,
האָט דער האָן מיט דער הון זיך מאָדנע צעקרייט.

## אין דערוואַרטונג

כ׳האָב געוואַשן מיר די הענט
אָנגעטון אַ ריין ווייס העמד
אָנגעגרייט אויך נייע בלומען
און איך וואַרט אַז דו זאָלסט קומען.

אין האַלבן ליכט, אין האַלבן שאָטן,
וויל איך מיין ליד
זאָל זיין אין דיר געראָטן.

אַט איז מיטן־נאַכט
און איך בין אויסגעמוטשעט
פונקט ווי נאָך אַ שווערער שלאַכט
פון דעם וואָס כ׳האָב אַלץ
וועגן אונדז געטראַכט.
און איך הער נישט אויף צו גלייבן
אַז וואָס מיר ווינטשן וועט זיך טרעפן
די טיר וועסט האַסטיק טון אַן עפן
און וועסט אַריין
ווו דו דאַרפסט זיין!
עס בלוטיקט אויפן טיש
דער רויטער וויין.

# אפשר

דו קוקסט אין מיינע אויגן
און דו זעסט נישט דיין געזיכט
און מיך פרעגסט אזוי פארחידושט
ווו דו ביסט און וואָס איך זוך.
שטעלט דיין פרעגן מיך
פאר אן עבודה גאָר א שווערער.
ווייל דערציילן דיר
איך זוך אין דיינע אויגן
ווידערזען א בחורל
אן אומשולדיקס, א פופצן יעריקס,
וואָס פלעגט זאָרגן זיך
פאר דעם ציטער פון די שטערן
און געוואָלט האָט נאָר דערגיין
צי״ז באמת די לבנה
משה רבנוס פנים
צו דאָס פנים פון א נאָנע,
הייסט אפשר
טרייבן דיך צו יענע יאָרן, יענע וועגן,
ווו מיר געגאנגען זענען זאלבענאנד
און נישט געווסט דערוועגן.

# ווען וועל איך דיר דערציילן, אז...

ווען וועל איך דיר דערציילן,
אז אויך היינט, ווי אלע טעג,
— ווער קאָן די טעג דען ציילן? —
בין איך אריין צו דיר, ווען דו ביסט נישט געווען?

כ׳האָב דיינע קליידער אָנגערירט,
זיי באקומען טפעס פון דיין היימישקייט.
(נישט איינמאָל כ׳האָב געטראכט
און כ׳האָב מיך נישט פארשעמט,
אז איך וואָלט וועלן זיין דיין העמד).

כ׳האָב א גלעט געטון דיין בענקל אויף וועלכן דו זיצסט,
צוגעקלעפט מיין פנים
צו דעם פענצטער דורך וועלכן
דו קוקסט ארויס.
איך טו דאָס שוין אזוי
שוין וויפל טעג?...

ווען דו וואָלסט געווען מיין טאָג־בוך,
וואָלט איך דיר געזאָגט,
אז איך ווייס
דו באהאלטסט דיך אונטערן בענקל,
קוקסט אריין דורכן פענצטער,
דו ביסט פאראן אין די קליידער,
און, אז דו האָסט געלאָזט אייגנס אָפן דאָס בוך,
דו זאָלסט זען צי איך ווייס
וו דו האָסט אויפגעהערט לייענען
און צי איך דערקען דעם פערז
ביי וועלכן דו האָסט געטראכט צו מיר.

ווען דו וואָלטסט געווען מיין טאָג־בוך,
וואָלט איך דיר דאָס אלץ דערציילט.
איך ווייס אויך וואָס דו וואָלטסט געזאָגט:
— איך ווייס!
— אוודאי ווייסטו.
נו, איז אויב דו ווייסט,
זאָג־זשע מיר,
צי איז עס טאקע אזוי?
דו שווייגסט?
עס קאָן נישט אנדערש זיין.
כ'האָב פיל־צו־פיל געוואָרט
ס'זאָל אנדערש זיין.
ווען דו וואָלטסט געווען מיין טאָג־בוך

.........................

# אזויפיל טעג...

אזויפיל טעג זענען געקומען מיט מיר שטיפן,
נאָר דיך, דעם איינעם טאָג, האָב איך גערופן.
כ'האָב יעדן טאָג געפילט דו ביסט מיר נייטיק,
כ'האָב דאָס דערפילט אין בלוט, ביז ווייטיק.
אויף דיר האָב איך געוואַרט אזויפיל נעכט,
מיט די געדאנקען מיינע, שווערדן אין־געפעכט:
לעב איך, ווזשע איז מיין טאָג? אפשר בין איך גאָר א מת?
ווי דערקלערט זיך דאן דער נס
וואָס איך פיל אזוי די ווייטיק אויף מיין הויט,
אז אין יעדן קארב אירן, איך זע דאָרט וונדן רויט?
ניין, איך געהער נישט צו די מתים. ווייל איך קאָן מיך שווערן,
אז עס טוט מיך וויי די וועלט, די ערד, דאָס גראָז,
די זון, לבנה און די שטערן,
יעדעס בלעטל אויפן בוים,
יעדער נישט דערפולטער טרוים
און דער קלענסטער קריץ אין וועלטן־רוים,
ווער שמועסט נאָך, ווי איך פיל די נעכט די שווערע
וואָס נערן מיך מיט זייער ספקות־פרי?

## ווײַל פֿאַרליבטע...

וואָספאַרא זינד זענען מירביידע באַגאַנגען
וואָס אָן זיך צו באַרירן היינט
זע'מיר זיך צעגאַנגען?
לאַנג און שווער וועט זיין די נאַכט
שווער וועט אָנקומען דאָס טאָגן.
אינדערפרי וועסטו מיר זאָגן
וואָס עס איז מיט אונדז געשען
וואָס געוואָלט האָסט זיין אַליין?
ווען מיר זענען איצט צוזאַמען
וואָלטן מיר געהאַלטן זיך גאָר אויף די הענט,
די אויגן אונדזערע וואָלטן געקוועלט,
די ליפּן אונדזערע געברענט
און אפשר ווען מיר זענען איצט איניינעם
וואָלטן מיר זיך פשוט ליב געהאַט
און נישט געלאָזט זיך
טראַכטן מער צו קיינעם
און מיר וואָלטן געווען גליקלעך.
ווייל פאַרליבטע זענען גליקלעך,
ווייל מען האָט זיי ליב,
ווייל פאַרליבטע זענען שיין,
ווייל פאַרליבטע ווערן דיכטער,
ווייל פאַרליבטע האָבן שיינע, גרויסע אויגן,
ווייל פאַרליבטע טראָגן שיינע קליידער,
ווייל פאַרליבטע זענען נושא־חן,
ווייל פאַרליבטע מאַכן בליען שענער אויך די בלומען,
ווייל פאַרליבטע זענען גליקלעך
ווען זיי האָבן זיך ליב
און ווילן טון אַ מאַך מיט דער האַנט
אויף גאָר דער וועלט
מיט אַלע אירע דאגות און השגות
און פשוט זיך שענקען איינס דאָס אַנדערע
די ליבע
און זיין גליקלעך.
נאָר צו דעם דאַרף מען פליגל.

# ס'איז אמת

אָפּטמאָל שטעל איך מיר פֿאָר,
אז מיר זענען איינײנעם
אזויווי איך ווינטש מיר יעדע רגע.
נעכטן בין איך געווען אליין,
האָב איך געלאָזט מיין פאנטאזיע
גיין.
די האָט אונדז ארויסגעפירט
אין פרייען פעלד,
אויף גרינעם גראָז,
אונטער א בלויען הימל
מיט א מילדער זון.
קיינער האָט אונדז נישט געזען,
נאָר מיר, האָבן געזען די גאנצע וועלט.
ס'איז אונדז גוט!
די גאנצע וועלט איז אונדזערע,
נאָר מיר זענען נאָר איינער דעם אנדערנס.
מיר קוקן זיך אין די אויגן
און מיר ווערן שיין!
דורכזיכטיק, ווי די שטראלן פון דער זון,
בלוילעך־גרין, ווי דער הימל און דאָס גראָז,
דורכזיכטיק — ווי די שטראלן
פון א נישט־געזעענעם ים.
פון וואנען זענען אויסגעוואקסן
אזעלכע שיינע רויזן?
פון אונדזערע הערצער?
דו האָסט געוווסט,
אז די פארב פון אונדזער הויט
פאסט אזוי גוט אריין
אין אָט דעם פארבן־שפיל?
ווען זענען מיר אזוי גרויס געוואָרן?
דו ביסט... וויאזוי ביסטו?
וויאזוי זעסטו אויס?
וויאזוי בין איך?

וויאַזוי זע איך אויס?
איך ווייס נישט,
כ'האָב אַמאָל געוווּסט
וויאַזוי דו באַדאַרפסט זיין,
וויאַזוי דו באַדאַרפסט אויסזען.
וויפל יאָרן זענען פאַרביי?
פאַרוואָס האָמיר געלאָזט אַזוי
די יאָרן, לויפן ליידיק,
און זיך נישט אויפגעכאַפּט אויף זיי
מיט אונדזער גליק?
פאַרוואָס האָבן מיר
זיך געלאָזט איינער דעם אַנדערן
שטיין אויף דער שוועל?
ס'איז אמת, אַז נשמות וועלקן נישט?

## פאראנען טעג...

פאראנען טעג אין יאָר
וואָס פאָרן זיך צו צוויי,
און ווערן יום־טוב.
ענלעך זענען מיר צו זיי.
אין אָט אזעלכע טעג,
איך טו זיך אָן
גאנץ פשוט
אין קאשטאנען־פארב,
און אנאָנים איך גיי
אויף גאסן אנאָנימע.
איך גיי צו דיר
זאָלסט מיר אקעגנקומען
און גרינגער ווערן זאָל מיין ליד,
פון ווערטער פיר,
וואָס זי טראָגט פאר דיר:
איך האָב דיך ליב!
היינט, איז אזא טאָג
און איך צו דיר איך גיי.
וועל איך דיך טרעפן?
זאָג!

כ'האָב מורא...

וועל איך אנדערש טון.
איך וועל אויסגיין דעם גאנצן ערד־קיילעך
און אָפּגעפונען יענעם שטח
ווו צום ערשטן מאָל
מיר האָבן אין צווייען זיך באגעגנט
און געוואָרן ענלעך
צו די טעג פון יאָר
וואָס פאָרן זיך צו צוויי
און ווערן יום־טוב.

איך האָב שוין אָנגעהויבן גיין.
נאָר דער ערד־קײלעך
דרייט אַלץ אַוועק דעם שטח
פון אונטער מיינע פיס.

## די נעסט

דער האבסטיקער הימל שפּיגלט זיין גרוי אין טרויעריקן אספאלט
און לאָזט א טו׳ער פאר יעדן בלאט וואָס פאלט.
אין אונדזער בלוט, דער הארבסט־פויגל, זיין קלאנג זוכט אָפּ;
אויף אונדזער אָטעם, לויפן פערד אין א גאלאָפּ.
זיין זשאווער־רויט־סימפאָניע אויף צווייגן נאקעטע עס שפּילט
דער ווינט,
מיר נעמען אויף די פארבן־קלאנגען, מיט דער אומשולד פון א קינד.
דורך אלע בלעטער וואָס דער ווינט, דער הארבסטיקער, פארטראָגט —
ווערט אויף דער גאָרער וועלט די פרייד פון אונדזער ליבע
אָנגעזאָגט.
אויף יעדן צווייגל וואָס בלייבט נאקעט, אויף דעם יינגסטן און דעם
עלטסטן בוים,
איז אָנגעצייכנט שוין די נעסט פאר אונדזער גרינעם פרילינגס־
טרוים.

# אין אָנהויב פרילינג

אין אָנהויב פרילינג,
ווען א קנאָספּ איז נאָך
דאָס ערשטע בלאַט אויף יינגסטן בוים,
אויף יענעם נישט־געזעען בלעטל שרייב איך אָן פאר דיר
די ערשטע שורה פון מיין לעבנס־טרוים.
מיט יעדן טאָג עס ווערט דאָס בלאַט אלץ גרעסער, ברייטער,
און איך שרייב צו דאָרט, שרייב אלץ צו
וואָס איך געטרויע נישט א צווייטער.
א גאנצן זומער היט איך,
אז די זונען־שטראלן
זאָלן בלאַט מיינס, מיט מיין טרוים,
נישט פארברענען, נאָר דערווארעמען,
אז קיין האָגל־רעגן זאָל עס נישט באַפאַלן
און ווען פון ווייט א שטורעם קומט,
זאָל גאָט זיך אויף דעם בלאַט דערבארעמען.
שרייב איך אָן אזוי דאָרט, יעדן טאָג, מיין טרוים,
א יעדן טאָג פון פרילינג און פון זומער.
באַשרייב דאָס בלאַט אויףביידע זייטן,
ביז דער טונקלער־גאָלד־רויט־שטרענגער־הארבסט,
קומט דאָס וועטער בייטן.
ווען דער הארבסט־ווינט הויבט אָן בלאָזן
און רייסט פון בוים אָפּ אלע בלעטער,
אויף דעם העכסטן בארג איך קלעטער,
נעם צו הילף מיר, בערג און קוואלן,
גראָזן, בלומען, זונען־שטראלן
און דעם ווינט מיר בעטן אלע
ער דאָס בלאַט פארפירן זאָל ביז צו דיין אָפן פענצטער,
אז אין טעג פון הארבסט און שווערן ווינטער,
ביז ס'וועט ווידער זיך באַבלעטערן דער בוים,
זאָל זיין ביי דיר,
מיין דיר פארטרויעטער טרוים.

# יעדעס מאָל

יעדעס מאָל
איידער מיר ווערן אנטשלאָפן
חלומען מיר אז מיר זענען צוזאמען.
מיר ווארפן אלץ פון זיך אראָפ
און מיר בלייבן נאקעט
ביז צו דער נשמה.
מיר ווערן אנטשלאָפן
יעדער איינער אין דעם צווייטנס אויגן,
יעדער איבערגעדעקט מיט דעם אנדערנס אויגן־לעפלעך
און מיר שלאָפן אזוי
פארמאכטע, אין די פארמאכטע אויגן,
וו עס קאָן מער נישט אריין
קיינער און גאָרנישט.

די טרערן ווארטן קוים
מיר זאָלן זיך אויפכאפן פון שלאָף
זיי זאָלן קאָנען ארויסקוועלן
און מיר זאָלן זיך ווידער אָנקוקן
מיט פארוויינטע אויגן.

## ווייס!

ווייס!
איך וויל דיר זאָגן היינט,
ווי כ'האָב עס דיר נאָך קיינמאָל נישט געזאָגט,
אז איך האָב דיך ליב.
טראכט צו וואָס דו מיינסט אז ס'איז דאָס גרעסטע אויף דער וועלט
און ווייס:
אזוי גרויס איז מיין ליבע צו דיר.
טראכט צו וואָס דו מיינסט אז ס'איז דאָס ריינסטע אויף דער וועלט
און ווייס:
אזוי ריין איז מיין ליבע צו דיר.

ווייס!
איך וויל דיר זאָגן היינט,
ווי כ'האָב עס דיר נאָך קיינמאָל נישט געזאָגט,
אז איך האָב דיך ליב.

און כאָטש איך בין פון געטען און פון שילער
מיט אזויפיל קלענער
צווייפל איך צי זיי האָבן אמאָל געזאָגט דאָס
שענער.

## נישט אלע...

נישט אלע ביימער רוישן גלייך
פון איינעם און דעם זעלבן ווינט.
נישט אלע מענטשן צאָלן גלייך
פאר איינער און דער זעלבער זינד.

נישט אלע מענטשן הערן גלייך
איינעם און דעם זעלבן פידל
ווען איינער הערט די סטרונע וויינט
דער אנדערער הערט גאָר א לידל.

נישט אלע פונקען פון איין פייער
טליען מיט זײער זעלבער קראפט.
עס טרעפט א פונק פארברענט א שייער
א צווייטער פונק א ליד באשאפט.

# ווייטיק

כ'האָב אויסגעווייטיקט שוין אין לעבן
אלע ווייטיקן און ווייען:
פון זיין אליין, ווען ס'ווילט זיך זיין אין צווייען,
פון גלויבן אין אן אמת מיטן גאנצן לייב און לעבן
און זען ווי ער אין שקר ווערט פארוואנדלט ביי דיין לעבן.
פון ווען ליידן אין א שפראך, א נישט־פאראנענער
און בלייבן פאר דעם ליבסטן מענטש א נישט פארשטאנענער,
פון ווען טון עפעס אזוינס צו ברענגען
פאר דער וועלט א טאָג א ליכטיקן
און מוזן זיין פארטון גאָר
מיט אן ענין א נישט וויכטיקן.
נאר גרעסער פון די ווייטיקן די אלע
איז די ווייטיק,
וואָס אימשטאנד איז מיך צו מאכן וויינען,
פון אָנשרייבן א ליד
און עס נישט האָבן וועמען פאָרצולייענען.

# אזויפיל יאָרן

אזויפיל יאָרן, מיר האָבן זיך געזוכט
אין די פארנאכטן, אין באגינען,
אין טיפער נאכט, באטאָג אין ליכט,
און נישט געקאָנט זיך אָפּגעפונען.

אזויפיל יאָרן עס האָט די צייט פארווישט
און ארום אונדז געדרייט א מאָדנעם פלאָנטער,
אז נישט באַרירן זאָלסט מיך מיט דיין קוש
און בלייבן זאָל גאָר ווייט דער סוד דער נאָענטער.

אזויפיל יאָרן דעם זון־אויפגאנג
און אויך דאָס אויפגיין פון לבנה
איך זאָל דיר ווייזן כ'האָב פארלאנגט,
געבליבן איז בלויז די כוונה.

אין יעדן שטערן־ווינק איך האָב געזען
א ווינק פון דיר ווי א מין טרייסט.
דאָס האָט געהייסן, דו ביסט נאָענט געווען
און, אז נישט ווייט איך בין — דו ווייסט.

אזויפיל מאָל איך האָב געוואָלט דיר ווייזן
די ערשטע הימל־טרער, פרימאָרגן אויפן גראָז,
און ווי זי כוואליעס, פארן טויט, באווייזן
א קוש זיך טון, נישט קוקנדיק אויף ימס פארדראָס.

אזויפיל בלומען, כ'האָב פאר דיר
אין אלע גערטנער אויסגעקליבן,
אזויפיל טעג, האָב איך מיין שיר
געלאָזט פארגיין, נישט־אָנגעשריבן.

אזויפיל מאָל געוואָלט איך האָב
מיט דיר אײנײנעם פשוט שווײגן
און בליק מײנער זאָל אויף דײן קאָפּ
א קרוין פון ליבע לאָזן שטײגן.

האָב איך געהערט א שײנעם קלאנג,
ביסטו געווען אין מײן געדאנק.
האָסטו דעם קלאנג נישט באלד דערהערט —
האָט ער פאר מיר א האלבן ווערט.

## דער זייגער

איך האָב מיך אומגעקערט פון וועג
איך זאָל דיך נאָך אביסל זען.
וו ביסטו פארשווינדן ?
היינט, דעם גאנצן טאָג,
ביסטו דערשינען און פארשווינדן !
וויפל מאָל דו גייסט אוועק,
דיין האנט איז נאָך אויף דער קליאמקע
פון יענער זייט טיר,
און מיך באפאלט שוין אזא בענקשאפט נאָך דיר
וואָס פארשווינדט נישט
ביז איך זע דיך נישט צוריק.
וויפל מאָל איך גיי אוועק,
באלד נאָך די ערשטע טריט אין וועג,
באפאלט מיך אזא בענקשאפט
וואָס פארלירט זיך
נאָר ווען איך געפין דיך ווידער.
וויפל רגעס דארף איך ציילן ?
וויפל שעהן ?
ס׳איז צוועלף...
און דער זייגער, האלט זיך אין די שרויפן.
פונקט איצט גייט ער פינקטלעך,
ווען איך דארף — ער זאָל לויפן.

## כ׳האָב מורא

כ׳האָב מורא מיך
דערנענטערן צו דיר
ווייל דו וועסט לאכן.
כ׳האָב מורא דיך צו קושן —
דו וועסט לאכן.
כ׳האָב מורא דיר צו טון א גלעט
ווייל דו וועסט לאכן.
כ׳האָב היינט געוואָלט דיר זאָגן
כ׳האָב דיך ליב
און כ׳האָב דיר נישט געזאָגט
פאר מורא
דו וועסט לאכן.
דיין לאכן טוט מיר ווי — ביז בלוט
דאָס לאכן דיינס
פארשוועכט די הייליקסטע מינוט.
דיין לאכן מיך דערנידעריקט
און מיך פארשעמט.
פארוואָס קאָן איך פון
דיר נישט לאכן?
ווייל איך וואג נישט
צו פארשעמען דיך.
ווייל, כ׳האָב דיך ליב.
דאָס אלץ וואָלט איך
געוואָלט דיר זאָגן
נאָר כ׳האָב מורא
דו וועסט לאכן.
איך שרייב געפילן
ברענענדיקע
אויף א קאלט פאפיר
ווייל כ׳האָב מורא
זיי אליין צו זאָגן דיר
ווייל דו וועסט לאכן.

ווי קאָן איך אויסמיידן

דיין קאַלט געלעכטער

און זאָגן דיר

מיט פייער:

כ׳האָב דיך ליב.

# אין א טאָג

ס'איז אמת ביסט מיר מוחל? יאָ?
דאָס ביכל וואָס דו האָסט געלאָזט פון אויבן־אויף.
איז פאר מיר? איאָ?
ניין?
די בלומען האָסטו אויך אוועקגענומען.
איך זאָל מיך מער נישט פרייען מיט זיי?
יאָ?
וו ביסטו?
ווילסט בא מיר אוועקנעמען די פרייד
פון דיך זען?
ניין?
יאָ?
באשטראָף מיך נישט אזוי הארב!
ווייסט. איך טראכט צו דיר ווי צו א גאָט
צו א רעדבארעמדיקן.
נעם ביי מיר נישט אוועק די פרייד
פון דיך זען,
דיך הערן רעדן,
דיך הערן לאכן.
נעם ביי מיר נישט אָפּ
וואָס דו אליין האָסט מיר געגעבן.
אָן דיין ליבע, וועל איך מער גאָרנישט קאָנען טון.
נישט אפילו מיך וואשן יעדן אינדערפרי.
און איך וועל ווערן שלעכט
צו די ארומיקע מענטשן.
נעם ביי מיר נישט אוועק די פרייד
פון דיר געבן וואָס איך פארמאָג.
וועסט אפשר דערמיט שטאָלץ זיין
אין א טאָג.

# עס האָבן אלע געמיינט

עס האָבן אלע געמיינט, אז איך זע.
איך אליין, האָב אויך געמיינט אז איך זע.
א סימן, איך האלט די אויגן אָפן.
זיי האָבן אלע זיך אָפּגענארט.
איך אליין, האָב מיך אָפּגענארט.
איך האָב צום ערשטן מאָל געעפנט די אויגן
ווען איך האָב געקוקט אויף דיר.
דעמלט ערשט איז עס געשען,
אז איך האָב אָנגעהויבן זען.

עס האָבן אלע געמיינט, אז איך הער.
איך אליין, האָב אויך געמיינט, אז איך הער.
א סימן, איך ענטפער ווען מען רעדט צו מיר.
זיי האָבן אלע זיך אָפּגענארט.
איך אליין, האָב מיך אָפּגענארט.
איך האָב צום ערשטן מאָל געהערט
ווען דו האָסט גערעדט צו מיר,
דעמלט האָב איך ערשט געהערט,
נישט נאָר דעם קלאנג, נאָר אויך זיין ווערט.

דו האָסט מיר געזאָגט: זען!
דו האָסט מיר געזאָגט: הער!
דאָס איז קלאנג!
דאָס איז פארב!
דאָס איז גרין,
דאָס איז רויט,
דאָס איז א בלום,
דאָס איז א שטערן,
דאָס איז ווייס,
דאָס איז ליכט,

דאָס איז שײן,
דאָס איז שאָטן.
הערסטו די פאַרב פון אַ קלאַנג?
הער ווי ווײס בענקט נאָך ברױן,
זע ווי עס לאַכט דער קלאַנג פון בלוי,
הער ווי אין די פאַרבן קלינגען אָפּ די קלאַנגען.
הער ווי אין די קלאַנגען
קלינגען אָפּ די פאַרבן.

דו האָסט מײן לעבן אָנגעפולט
מיט קלאַנג, מיט פאַרב.
דו האָסט מיך אויסגעלערנט זען
אויך מיט פאַרמאַכטע אויגן
און הערן אויך ווען אַלעס שווײגט.

אָבער זאָג, דאָס אַלץ איז טאַקע אָן אַ סוף?
אַזוי בײטאָג, אַזוי בײנאַכט?
אי ווען מען שלאָפט, אי ווען מ׳איז וואַך?
אויף דער וואָר און אין טרוים?
און וואָס זאָגט צײט?
און וואָס פילט רוים?
זאָג דעם אמת,
דו, לעבסט אויך אַזוי?
צי לעבסטו אין די טיפּעניש פונעם קאָך
און מיר האָסטו געוויזן בלויז דעם שוים?

עס האָט זיך מיר פאַרדרײט דער קאָפּ.
וווּ זענען מיר?
אין הימל?
די פליגל זענען אונדזערע?
האָבן מיר, אי הענט אי פליגל?
ווער האָט אויסגעשפּרײט דעם לאַנגן רעגנבויגן־טעפּיך?
דו ביסט נעבן מיר?
פאַרוואָס־זשע הער איך, נאָר אײן האַרץ קלאַפּן?

זע ווי דער ווינט לאכט פון אונדז,
ווי דורכזיכטיק מיר זענען.
האלט מיך גוט!
ווילסט מיך ארויסלאָזן פון האנט?
ניין!
עס שווינדלט מיר שוין נישט דער קאָפּ.
ביסט נעבן מיר?
וואָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגן?...
יאָ... וועגן אויגן,
וועגן פארב,
וועגן קלאנג...

# סודותדיקער סוד

ליבע, ליבע,
סודותדיקער סוד
סודותדיקער נאָך ווי גאָט.
וואָס הייסט ליבע?
וואָס איז ליבע?
ליבע איז אזוינס
וואָס ס׳לאָזט זיך נעמען אויף די הענט
און מען לאָזט עס זיך באזעצן
אין אלע אברים, אין גאנצן גוף,
ביז מען פילט עס לעבט און גייט אין אלע אָדערן,
פון די אָדערן צום הארץ
און פונעם הארץ צוריק אין אלע אָדערן.
ליבע איז אזוינס
וואָס לאָזט דיך נישט מאכן א שפאן אליין
זי גייט מיט דיר אין קינאָ
און דערמאנט דיך
אז אזא פילם האָסטו שוין געלעבט
און געשאפן
און אין א פארליבטן שלאָף
ביסטו אנטשלאָפן געוואָרן
און מען האָט ביי דיר דעם פילם צוגעגנבעט.

ליבע איז אזוינס
וואָס איז מיט דיר אפילו אין שלאָף
און וועקט דיך אויף פארטאָג
און ווען דו כאפסט דיך אויף
און זעסט אז ד׳איז נישט לעבן דיר
באפאלט דיך א שווערער, גרויער אומעט.
דעמלט וואשסטו גיך אָפּ דעם אומעט
לאָזט איבער דעם אומעט אין שפיגל
מיטן לעצטן קוק וואָס דו טוסט אויף דיר
און גייסט זוכן די ליבע
אין א ריין העמד א ווייס.

ליבע איז אזוינס
וואָס הייסט דיר יעדן טאָג פרעגן
צי זענען נישט צו איינגעקארבט
די רונצלען אויף דיין שטערן?
צי שטערן זיי נישט זען
ווי דו האָסט ליב?
צי ביסטו גענוג שיין?
צי ברענגסטו מיט דיר ליכט גענוג ווען דו דערשיינסט?

ליבע איז אזוינס
וואָס הייסט דיר פרעגן יעדע רגע
צי זעט מען אין די אויגן דיינע
וויפל דו האָסט ליב.
צי ביסטו גענוג גוט און ריין
צו זיין פארליבט.
איך וויל!

# די טרער

די נאכט די גאנצע בין איך נישט געשלאָפן
עס איז דיין טרער געקומען מיך באשטראָפן.
געקוקט מיר אין די אויגן און געפרעגט
צי זאָגן דיר אז כ׳האָב דיך ליב האָב איך געמעגט?

פארוואָס נישט זאָגן אזא שיינעם אמת?
אָט האָסטו דאָ מיין הארץ, צענעם עס
און קוק אריין ביז אין די טיפסטע טיפן
און זע צי׳ז דאָרט פאראן א סימן כאָטש פון שטיפן.

## גרייז

א נאכט, א נאכט,
פון טויזנט און איין קרייז.
פלאָנטערן די קרייזן זיך אין קרייז,
ס׳האָט פארפלאָנטערט זיי א גרייז.
קומען מיך די קרייזן פאנגען
ווייל איך בין דעם גרייז באגאנגען,
ווען איך האָב מיין גליק באגעגנט
און געלאָזט עס אין דער פרעמד.
מאָנט די נאכט ביי מיר איצט חשבון
און צום משפטן מיך נעמט.
זאָג איך אז איך וויל פאריכטן,
איך בין גרייט מיין לעבן שענקען
אז מיין ליבע זאָל אין לעבן
נישט מער וויסן פון קיין בענקען.
פליען אָן אלץ נייע קרייזן
מענגעסווייז און איינציקווייז
און די קרייזן ווערן אויגן
איך זע מיין ליבע׳ן יעדן קרייז.
זאָג איך: ליבע,
ביסט דאָך דאָ שוין,
וואָסזשע שווייגסטו? רעד! באווייז!
זאָג די קרייזן זאָלן וויסן
אז איך בעסער אויס דעם גרייז.
שריי איך אין דער נאכט אריין
און איך וויין און בעט און קלאָג...
ביז די נאכט הערט וואָס איך זאָג
ווערט א קרייז פון אלע קרייזן —
טאָג.

# א טאָג צו גאַסט

אָט זענען מיר ווידער פאָרן ווייסן פּאַפּיר,
נישט איך און דו — נאָר מיר.
און מיר פֿייערן אויף דעם פּאַפּיר
דעם טאָג וואָס איז געבוירן
און איז צו אונדז דערגאַנגען
נאָך אַזויפיל יאָרן וואָגלענישן
מיט דער האָפֿענונג
ער וועט ביי אונדז זיין רו געפֿונען.
און אַז א טאָג קומט צו גאַסט,
מוז מען אויפֿנעמען אים ווי עס פּאַסט.
וויפֿל ער איז אונדזערער, דער טאָג,
לאָמיר אים דערפֿרייען דאָ זיין טאָגן
און אים ווייזן
אונדזער האָב און גוטס וואָס מיר פֿאַרמאָגן.
זאָל ער הערן שעקספּירס א סאָנעט,
לייוויקס לידער,
רילקעס בריוו,
אביסל פּראָזע טאָמאַס מאַן,
א טרוים פֿון מאַרק שאַגאַל,
די דורכזיכטיקייט פֿון קאַנדינסקיס פֿאַרבן,
דאָס גראָ און בלאָ פֿון איציק מאַנגער,
די ווייסקייט פֿון א ווינטערנאַכט א לאַנגער.

ווער קלאַפּט אין טיר?
דער טאָג גייט עפּעס.
די לבנה קומט אריין
און הייבט אָן שפּינען
א חלום
פֿון צוויי פֿאַרליבטע
וואָס האָבן געהאַט א טאָג צו גאַסט.

# נישט איינמאָל

נישט איינמאָל ווען איך גיי מיט דיר געאָרעמט
טראַכט איך האָסט מיין ליד פאַראָרעמט.
ווייל נאָר דו ביסט פאַראַן אין יעדן איינעם מיינס א פערז
און חוץ דיר נישט פאַראַן איז
קיינער אין דעם גאַנצן אוניווערס.

נאָר מיר איז גוט צו גיין אַזוי, מיט דיר געאָרעמט
און זאָגן דיר:
דו האָסט מיין ליד געפּורעמט.
און ווייל דו האָסט אין ליד געבראַכט
דער ליבעס פרייד און אויך איר טרויער,
וואָס זענען דאָך צו גאָרנישט גלייך,
נעם איך אָן פאַר ליב:
זאָל זיין מיין ליד אַן אָרעמס
אבי מיר ביידע זענען רייך!

און ס'וועט זיך טרעפן אויך א קריטיקער
א פאַרשטייער און באַגיטיקער
וואָס וועט, נאָכן לייענען,
מיינע לידער נישט פאַרניינען
און וועט זאָגן:
לאָזט אים שרייבן ווי ער שרייבט, באַטריבט,
איר זעט דאָך אַז ער איז פאַרליבט.

## וואָס טוען מיר איצט מיט דעם ליד?

באַרעכנסט זיך וואָס מיר האָבן געטון?
כ׳האָב מורא גאָר צו טראַכטן איצט דערפון!
אַפּנים ס׳איז אַזוי דער מנהג,
פאַרליבטע זאָלן זיין לייכטזיניק.
דאָס האָט די ליבע אין זיך די טוגנד,
צו מאַכן פון דער עלטער — יוגנט.
און יוגנט איז דאָך אומדערפאַרן
זי טרעט כסדר אויף געפאַרן...
אַזוי דערקלערט זיך אונדזער שפּאַנען
אין שאָטן־וועלט פון הויכע טאַנען,
אויף הימל־סטעטשקעס, צווישן שטערן,
כדי אויפסניי געבוירן ווערן,
דאָס גיין מיט צוגעמאַכטע אויגן
געהילט אין פּאַסן רעגנבויגן,
און טרינקענדיק די מילך פון האָניג־זיסן האָפן,
גאָרנישט געטראַכט, אַז אונדזער וועלט
איז איבער נאַכט געבליבן אָפן...
און איצט, וואָס טוען מיר מיט אָט דעם ליד?
זוכט מען אַן אָרט עס צו פאַרשליסן
צי לאָזן מיר עס אויבן — אויף,
די וועלט זאָל זיך דערוויסן?

## פאַרוואָס?

געדענקסטו נאָך יענעם זונטיק אינדערפרי?
איך בין געקומען דיך באַגעגענען.
אין דרויסן האָט געשיינט די זון
כאָטש זו האָסט געזאָגט ס׳וועט רעגענען.

געטראָגן האָסטו דאן די ווייסע בלוזע
וואָס טוט דיך אָן אין טויזנט חנען.
וועןביידע זענען מיר פאַרביי די גאַס,
עס האָבן נאָכגעקוקט אונדז אַלע שכנים.

איך האָב געשפּיגלט זיך אין דיינע אויגן
און דאָרט געזען דאָס גליק פון אַלע וועלטן.
און ווער ס׳האָט אין יענער רגע אויף אונדז געקוקט,
האָט אויך געזען אַזוינס וואָס מען זעט זעלטן.

פון דיינע, האָט די זון אַ שטראַל אַוועקגעגנבעט
און אים אויסגעמישט מיט אירע אינדערגיך.
אַן אַנדערער... וואָלט מיט מיר געהאַט צו טון,
נאָר איר — געזונטערהייט — פאַרגין איך.

ז׳האָט טאַקע באַלד באַצאָלט מיר מיט פּראָצענט
ווען ס׳האָט אַ בלענד געטון איר שיין
אויף דער איידלקייט פון דיינע הענט.

היינט טראָגסטו אַלץ די ווייסע בלוזע,
און איך קום ווידער דיר אַנטקעגן.
פאַרוואָס זע איך דיך נישט ווי דעמלט...
און ס׳גרייט דער הימל זיך אויף רעגן?

# װארט די ליבע און זי בענקט

וייס־באברעמטער־שארפער־פראָסט
אָפּגעלייגט זיין אייז אויף צווייגן.
זינגענדיקע פייגל האָבן אונדז פארלאָזט,
און די רעדנדיקע, שווייגן.
אויפן וועג דער שניי צעשיט,
קרעכצט אונטער די ווינטער־טריט,
און אויף גליטשיקע טראָטוארן
אלטע־לייט, די שניי־שיך שארן.

בייזער ווינטער מיט די קעלטן
האָט פארפרוירן טויזנט וועלטן.
אין א קאָלדרע פון כמארע,
האָט די זון זיך איינגעהילט.
לאנג שוין האָבן אירע שטראלן
מיט א קינד זיך נישט געשפילט.
ליידיק שטייען אין די גערטנער,
טרויעריק, די גרינע בענק,
הינטער אייז־בלומען, ביים פענצטער,
ווארט די ליבע און זי בענקט.

# ווי אין תהלים

צו דיר, ליבסטע פון מיין לעבן,
דאוונט מיין געזאנג,
דאוונט דיר א דאנק.
א דאנק דיר פאר באשטימען מיר פון פּאָרויס מיין געדאנק,
א דאנק דיר פאר באגלייטן מיר מיין יעדע טאט, מיין יעדן גאנג.

א דאנק דיר וואָס דו ביסט שוין דאָ פון פריער
אין יעדער זאך וואָס איך באריר.
א דאנק דיר פאר באשיינען מיר מיין טאָג און אויך מיין נאכט,
א דאנק דיר וואָס דו ווייסט שוין פאר מיר
וואָס איך טרוים און וואָס איך טראכט.
א דאנק דיר פאר אנטבלויזן מיר דיין טיפסטן סוד
— די ליבע דיינע —
וואָס מיך נענטער האָט געבראכט צו דעם באגריף פון גאָט.
א דאנק דיר פאר דיין איטלעכן באווייז
אז דו ביסט שטענדיק ביי מיין רעכטער האנט
אזאנק פאר נענטער ברענגען אונדזער ליבע צו דעם שכינה־קרייז.

א דאנק דיר פאר דעם דראנג וואָס האָסט דערוועקט אין מיר
צו וועלן וויסן
א דאנק פאר אָט דעם דראנג,
וואָס האלט מיך וואך און מאטערט מיין געוויסן.

איך זע דיך ווען איך זע דעם הימל,
איך זע דיך ווען איך זע די ערד,
איך זע דיך אויף דער ברעם צווישן וואך און דרימל,
איך זע דיך ווען איך זע דעם ים א רויקן
און ווען ער שטורמיש ווערט.
זיך אָפּטיילן פון דיר איז יעדער פרוווּ אומזיסט.
אין יעדן גליד מיינעם, אין יעדן אָטעם ביסט.

זו האָסט געמאכט מיך אויסזינגען מיין ליבע דיר
אין זילבן און אין טראפן
און האָסט צוזאמען מיט איעדן ליד אויך מ־ך אויפסניי באשאפן.
נישט פארבאָרגן זענען שוין פון לאנג פאר דיר
מיינע לידער,
מיין אָטעם,
מיינע גלידער.
ווען מ׳האָט מיין אָטעם־לאָזן גוף געקנאָטן נאָך פון זון און שטויב,
שוין דעמלט ביסטו לעבן מיר געווען,
ווי איך לעב אויף
האָסטו געזען.
מיין ערשטער אָטעם — דיר א דאנק, א לויבן!
פון דעמלט איז געווען פאר אונדז שוין אָנגעשריבן
דער וויי פון צער, דער וויי פון ליבן.
פון דעמלט בין איך דיינער
ביים אויפשטיין און ביים לייגן
און ס׳איז מיין זיין — א־נגאנצן
נאָר פאר דיינעטוועגן.

דרינג אריין נאָך טיפער אין מיין הארצן, אין מיין אָטעם,
און יעדן מיין געדאנק באפעל מיר און דעראָט אים!
היט אוים פון שלעכטס מיין יעדן שפאן
און פיר די טריט מיינע אהין
וו נאָר דו ביסט פאראן.

# ברענענדיקע בריוו

כ'האָב היינט פאַרברענט אונדזערע בריוו.
מיר האָבן געקוקט
ווי דאָס פּאַפּיר האָט געוויינט,
דער פלאַם האָט געלאַכט,
און די אותיות האָבן אָנגעהויבן פליען:
למדן, יודן, ביתן
דערציילן דער גאַנצער וועלט
וואָס מיר אליין נאָר ווייסן.

# אויף דער וואך

כ׳האָב א גאנצע נאכט געהיט דאָס אָנקומען פון טאָג
און געציילט ווי ס׳ווערן ווינציקער די שטערן,
אין אונטערגאנג ווי זיי וואָלטן אלע טון א זאָג:
מיר וועלן מאָרגן גרעסער אין דער צאָל נאָך ווערן.
אויף דעם זעלבן פלאץ, די זעלבע שעה, מיר וועלן זיך באגעגענען
— סיידן ס׳וועט רעגענען —.
געגעבן האָט א ווינק דעם טאָג דער לעצטער שטערן,
די שטאָט ווערט לעבעדיק און לאָזט זיך הערן,
די גערטנער וואכן אויף,
ס׳פארשפרייט איר דופט די לילא
און אלץ ארום דערמאנט מיך אין שמשון און דלילה.

# אויפֿן ערשטן שניי

לאָמיר גיין אין איינעם
אויפֿן ערשטן שניי
פֿון נייעם יאָר.
לאָמיר גיין אינייינעם
צוויי
אויפֿן ערשן שניי
צוויי אין איינעם
און נישט זאָגן קיינעם
ווער מיר זענען.
קיינער וועט אונדז נישט דערקענען.

לאָמיר גיין אין איינעם
ווילסטו — נעם איך דיך צו מיר
וועל איך זיין דער איינער
ווילסטו — נעם דו מיך צו דיר
וועמיר גיין אין איינער.

שפּאַנען צוויי
אויפֿן ערשטן שניי
פֿונעם ערשטן שניי נאָך ריינער
ווער מיר זענען קאָן נישט וויסן קיינער.

לאָמיר גיין אין איינעם
אויפֿן ערשטן שניי
לאָמיר גיין אינייינעם
צוויי
אויפֿן ערשטן שניי
און זאָל די וועלט זיך חידושן
ווי ס׳גייען אויפֿן ערשטן שניי
אין איינעם צוויי
און קיינער זעט פֿון טריט
קיין שפּור נישט הינטער זיי.

# ווי מיקעל אנדזשעלאָ

איך וואָלט געוואָלט, אז דער פרימאָרגן
זאָל זיך ציען אָן א סוף
און איך זאָל אין פרימאָרגן
דיך טראָגן אויף די הענט
און זען ווי דו לאכסט,
און זען ווי דיינע אויגן ווערן גרעסער, גרעסער,
ליכטיקער און ליכטיקער,
ווי זיי ווערן טרויעריק
ווען איך האָב עפעס נישט פארשטאנען.

איך וואָלט געוואָלט, אז דער פרימאָרגן
זאָל זיך ציען אָן א סוף,
און איך זאָל אין פרימאָרגן
דיך טראָגן אויף די הענט,
און הערן אונדזערע הערצער קלאפן
אזויווי ס'האָט געקלאפט דאָס הארץ
פון מיקעל אנדזשעלאָ,
ווען ער האָט אויסגעהאקט פון שטיין
צוויי פארליבטע
וואָס האלטן זיך אויף די הענט.

# א דרימל

איך גיי איינשלייפֿן איצט מיין בענקשאַפֿט.
כ׳האָב זי געבעטן זאָל אַליין גיין שלאָפֿן
און מיך לאָזן אויף דיר וואַרטן.
וויל זי נישט.

א האַלבע בענקשאַפֿט קאָן נישט שלאָפֿן.
די צווייטע העלפֿט איז וואַך ביי דיר,
קום־זשע, לאָמיר גיין אונטערן פֿרייען הימל
און זאָל די בענקשאַפֿט, אויכעט קאָנען כאַפּן
א דרימל.

# העננט

אז מען קוקט זיך אויף די הענט
איז א סימן פרייד.
אז מען רירט זיך אָן די הענט
איז א סימן ליבשאפט.
אז פארליבטע נעמען אויף די הענט די ליבע
און הייבן זי צו יענע הייכן,
וואָס לאָזן זיך נישט מעסטן און נישט גרייכן,
דעמלט שטרעקט די גאנצע וועלט איר אירע הענט,
פון דעם קלענסטן ביז צום גרעסטן,
און א גרויס געבעט פון הערצער הייבט אָן שאלן
אז די ליבע זאָל פון יענע הייכן
נישט ארונטערפאלן.

# איך וואָלט געוואָלט

איך וואָלט געוואָלט
פאַר דיר דער הימל זאָל זיין שטענדיק בלוי.
דיין אויג זאָל קיינמאָל וויסן וואָס ס'איז טרערן־טוי,
אין כישוף־שיין פונעם לבנה־בלענד
דיין קאָפּ זאָלסט לייגן
אויף קישעלעך פון מיינע הענט.
איך וואָלט געוואָלט
דיך איינוויגן אזוי
אז איינשלאָפן דו זאָלסט
מיט יענעם נאָמענלאָזן גליק פון פרוי.
און דאָן, וואָלט איך געוואָלט
מיט דיר אינאיינעם
אין דער טרוימען־וועלט
געאָרעמט וואנדערן
און פון דיינע ליפן טרינקען
איין קוש נאָכן אנדערן.

# דו!

דו! דו! דו!
דו!
דו ביסט באַלעבאָס געוואָרן
אויף מיין גאַנצן וועזן.
איך בין גאַנץ פאַרשווּנדן,
פאַראַנען ביסט נאָר דו!
נאָר דו!
באַפריי מיך
איך זאָל זיך קאָנען פרייען מיט דיר.
אַנדערש וועסטו בלייבן אַליין
און וועסט אַפילו נישט באַמערקן
ווען איך בין געוואָרן
דו!

## א ווונטש

איך בין זיכער, אז איך האָב דיך ליב געהאט
נאָך איידער איך בין אויף דער וועלט געקומען.
איך בין זיכער, אז איך האָב דיך ליב אזוי
ווי ס'האָט נאָך קיינער אויף דער וועלט נישט ליב געהאט.
איך בין זיכער אז מיין ווינטשן וואָס איך ווינטש מיר,
ווינטש איך מיר אזוי,
ווי ס'האָט נאָך קיינער אויף דער וועלט זיך נישט געווינטשן.
און ווינטשן ווינטש איך, אז די ליבע אונדזערע
זאָל אין אונדז וועקן
נישט דאָס נידעריקסטע, טיפסטע פון דער חיה,
נאָר אונדז פירן
צו דעם סאמע העכסטן אין דעם מענטשלעכן,
וואָס ברענגט מיט זיך אלץ פריידן נייע.

# גורל

ס׳האלט די נאכט אויף טויזנט שלעסער,
היינט ביי זיך וועמען כ׳האָב ליב.
ווי צעשניטן פון א מעסער,
הענגט לבנה, האלב און טריב.

קלאָג איך מיך פאר האלבן צויבער,
ווי מען קלאָגט זיך פאר א פריינט.
נאָר לבנה בלייבט א טויבע,
ס׳איז מיין גורל אירער היינט.

פונקט ווי איך איז זי א העלפט נאָר
און — וואָס האָט א העלפט די ווערט?
פונקט ווי איך זי בעט זיך: העלפט נאָר!
נאָר אונדז ביידן קיינער הערט...

# בענקשאַפֿט

די בענקשאַפֿט
ווייטיקט אויס אין מיר
די ליבשאַפֿט־לידער
און נערט זיי מיט מיין בלוט
און נערט זיי מיט מיין מארך.
פון בענקשאַפֿט
ווערן מיינע גלידער
מידער, מידער,
און איך לעב אזוי
אַן אויסגעמאַרכעוועטער
און איך הער
ווי ס'פייפֿט די בענקשאַפֿט אויס
אויף מיינע אויסגעהוילטע ביינער
אירע ליבשאַפֿט־לידער.

# פראָסט

כ׳האָב קיינמאָל נישט געוווסט
ווו מעריב איז,
ווו צפון און ווו דרום.
פון מזרח איז דאָך אָפּגערעדט,
פאר מזרח־וואנט בין איך דאָך, ווי באוווסט,
א לעבנלאנג געווען צו אָרעם.

כ׳האָב קיינמאָל נישט געוווסט גענוי
ווען ס׳הויבן אָן
און ווען עס ענדיקן זיך אויס
פון יאָר די פיר באקאנטע צייטן,
אין וועלכן טאָג, דער זומער קומט דעם פרילינג בייטן,
ווען לעצטע רגעות פונעם זומער שטארבן
און ס׳קומט דער הארבסט
דעם זומער ארבן.

ערשט היינט
ווען דו האָסט מיך פארלאָזט
און כ׳האָב דערפילט פון איינזאמקייט דעם פראָסט
האָב איך דערוווסט זיך
ווען עס איז דער ערשטער טאָג פון ווינטער,
ווייל ס׳האָט די גאנצע קעלט
פון גאָר דער וועלט
אויף גאָר מיין זיין געטון א וויי
און די נשמה מיר פארשיט
מיט שניי.

## פאַרשטייט מיך, גערטנער

איך װעל נישט אױפֿהערן, אַ יעדן אינדערפֿרי,
אין װעלט־מאַרק קומען
און אױסקױפֿן איעדן טאָג דאָרט אַלע בלומען.

זעקס מיליאָן בלומען
דאַרף איך יעדן טאָג.
זעקס מיליאָן בלומען.
פֿון די סאַמע אומשולדיקסטע בלומען
פֿאַר די זעקס מיליאָן אומשולדיק אױסגעהרגעטע
פֿאַר די זעקס מיליאָן פֿאַרשניטענע פֿון מײַן ייִדישן פֿאָלק.

פֿאַרשטייט מיך, גערטנער!
לאָזט די װעלט־אינדוסטריע מיט איר װיסנשאַפֿט און טעכניק
ליפֿערן די בעסטע פֿלי־מאַשינען
לאָזט זי ליפֿערן מכשירים
צו דערגײן דעם סוד פֿון אונדזער װעלט אינגאַנצן,
נאָר איר זאָלט אױף קײן רגע נישט אפֿילו
אױפֿהערן דאָס בלומען־פֿלאַנצן
ביז איר װעט נישט אָפּדעקן מיט בלומען
אונדזער מאַמע־קבר־ערד אינגאַנצן.

פֿאַרשטייט מיך, גערטנער!
איך מוז האָבן יעדן טאָג
זעקס מיליאָן בלומען.
ביז איך האָב זײ נישט
קאָן איך נישט שענקען
מײַן ליבסטער אַ בלום.
און אָן אַ בלום קאָן איך צו איר נישט קומען.

# סיכום

# פון זאַנדבורג

געדענקט איז זאַנדבורג ווען ער זאָגט:
פאַראַן איז איין מענטש אויף דער וועלט,
ס׳איז זיין נאָמען: אַלע מענטשן.
פאַראַן איז איין פרוי אויף דער וועלט
און ס׳איז איר נאָמען: אַלע פרויען.
פאַראַן איז איין קינד אויף דער וועלט
און ס׳איז זיין נאָמען: אַלע קינדער.

נאָר איך, אַלס איבערזעצער
— ווייל דער מנהג איז אַזוי
מען זאָל צווייפלען אין מיין טרייהייט,
האָב גענומען מיר די פרייהייט
און דאָס איבערגעזעצט אַזוי:
מענטשן דריי מיט האַלבן מיליאַרד
פאַראַנען אויף דער וועלט.
ס׳איז זייער נאָמען: מענטש.
פרויען צוויי מיליאַרד אַוודאי
פאַראַנען אויף דער וועלט,
ס׳איז זייער נאָמען: פרוי.
קינדער פון קאָלירן אַלערליי
פאַראַנען אויף דער וועלט,
ס׳איז זייער נאָמען: קינד.

# אותיות אין חלום

כ'האָב געחלומט מיט אָפענע אויגן
און אלף־בית איז צו מיר אָנגעפלויגן.
אין חלום דערזע איך ער איז א לאטיינער,
טראכט איך מיר תיכף:
דער איז נישט מיינער.
דריי איך מיך אויס
דער חלום זאָל זיין אויס.
נאָר ווי איך קאָרטשע מיך איין
און טראכט נאָך
וואָס דער חלום קאָן זיין,
פיל איך אז איך בין אַן אלף
און ס'הייבט אָן די בענקשאפט
מיך שניידן ווי א חלף
און ס'נעמט מיך אין שטיבל
צו זיך באלד די בית
און זאָגט מיר: איך ווייס
דיך נעמט נישט קיין שלאָף
עס שרעקט דיך די תו.

נארעלע, נאר,
צווישן אלף און תו
פאראן איז די בית און די שין,
די גימל און ריש
און די ריש — כאָטש זי איז נישט בלוט און פלייש
טיילט זי אָפּ די פיינט פון פריינט
און דאָרט מיט זיי
פאראן איז אויך די הא
וואָס פאר שרייבן ליבע
מוז מען האָבן צוויי:
אהבה!
און די דלת און קוף
און יעדעס אות אין יעדן וואָרט

האָט זיך זיין באַרוף.
ווער שמועסט נאָך
פון דער למד מיט זער וו...

דאָ הייבט אָן דער חלום גיין אין שלאָף.

און איך ווער א למד
איינגעהילט אין בלאָען סאמעט.
ווערט די וו אין כעס — וויי־וויי,
הייבט אָן וויינען:
אונטער בלאָען סאמעט דאַרפן שלאָפן צוויי.
היל איך איין די וו אין סאמעט
און איך לויף מיט חלום־אויגן
זוכן דיך.
טרעף איך דיך אין רעגנבויגן
איבער א יידישן ספר געבויגן
און אין אלע אותיות
זע איך דיין פרייד ווי גרויס זי איז,
ווי עס פינקלען דיינע אויגן
ווען די פא דערמאנט דיך פייער
און די צדיק שרעקט דיין הארץ
און די שין שטילט איין זיין קלאפן און זיין רעש.
אָט ברענט אירביידע אויף א שייטער
און אָט לעבט איר אויף פון אש.
אָן אויפגעלעבטע נעמסטו זיך די אותיות צעמישן,
גיבן זיי ארויס א קלאַנג,
ווי ביים אָנריר פון קלאווישן.
פארשטיי איך נישט דעם קלאנגס באַטייט
און איך ווער טריב.
נאָר דיר צוליב
האָב איך די אותיות נאָך מערער ליב
ווי כ׳האָב דיך ליב ווען איך פארשטיי נישט,
דיינעם א סוד וואָס איך דערגיי נישט.
נאָר איידער מיינע אויגן הייבן אָן מיט טרערן קוועלן
טו איך אָן דיר אויפן האלדז
פון צוויי און צוואנציק יידישע אותיות
א שנירל קרעלן...
ווען כ׳האָב זיך אויפגעכאפּט
געוואָלט כ׳האָב וויינען פאר יסורים.

עס האָט שוין נישט געפּעלט קיין ספֿק,
נאָר אָפּגעהאַלטן האָט מיך דער תנ"ך
וואָס איז געלייגן לעבן מיין צוקאָפּנס
אָפֿן פּונקט ביי שיר השירים.

# ווערטער

"סיג לחכמה שתיקה"
הייסט עס אז מען דארף דאָס וואָרט דערשטיקן?

פשוטע ווערטער, אמתע ווערטער,
זוכן זיך ערטער
און קומען מיך פרעגן
צי איך ווייס נישט אן אָרט,
גרויס ווי א וואָרט,
מיט זון און מיט רעגן,
דעם קאָפּ ווו צו לייגן?
פרוו איך די ווערטער
פארנארן מיט ווערטער,
זאָגן זיי — ניין!
דו גיב צו פארשטיין
וויאזוי קאָן געשען
אז אמתע ווערטער
זוכן די ערטער
און בלאָנדזען ארום
פארחתמעטע, שטום,
און שקר און ליגן
שטייגן די שטיגן
ארויף און אלץ העכער
און נערן די וועלט
מיטן סם פון זייער בעכער?

נעם איך די ווערטער
א'ן הארץ אריין, פרום,
און זאָג זיי אז שווייגן
הייסט נישט זיין שטום.
עס מאכט זיך א צייט
ווען שווייגן זאָגט מער

פון וואָרט און פון טרער.
און ווייל איז דעם מענטשן
וואָס שעלטן און בענטשן
קאָן ער מיט ליד, מיט בלוט,
און מיט בלום
און שעלט אויך און בענטשט אויך,
ווען ער איז שטום.

# מיט יצחק לייבוש פרץ

**מיט ליבשאפט ווידמע איך די שורות דעם אנדענק פון מיין חבר פרץ, אהרן שוחט׳ס זון, וואס איז אין די פינצטערע מלחמה־יארן נישט מיד געווארן אונדז צו זאגן פרץ׳ס „מיין נישט״! אויף טויזנטער וואַריאַנטן.**

איך גיי ארום און רעד מיט דיר אזוי שוין וויפל יאָרן,
אין געסלעך אָרעמע, אין גאסן רוישיקע פון גרויסער שטאָט,
אמאָל בין איך מיט דיר, אין טרוים, אין בלומען־לאנד פארפאָרן
און אָט אויך היינט, מיר גייען ווידער טראָט ביי טראָט.

זיי מוחל מיר וואָס תמיד ווענד איך זיך צו דיר פער דו.
איך מיין דו ווייסט איך טו עס נישט אויס מאנגל אין דרך ארץ.
נאָר צוגעוווינט האָב איך זיך שוין אזוי, אז ווען מיר שווער איז
דיך א פרעג טון:
נו, וואָס זאָגסטו, פרץ?

איך וואג עס אויך צו טון ווייל איך ווער עלטער וואָס א טאָג
און דו ווערסט וואָס א יאָר אלץ יינגער.
א סימן האָב איך אז ס׳איז אמת וואָס איך זאָג,
ווייל בארג־ארויף — מיט דיר — מיר גיין איז גרינגער.

לעבן מיין הארץ, אמאָל, אונטער דער געלער לאטע,
באהאלטן האָב איך דאָרט דיין „מיין נישט״!
און כ׳האָב אים צענדליק מאָל א טאָג געזאָגט אויף יידיש און רומעניש.
ווען די פארטיליקונג איז יעדע רגע געשטאנען אויף דער לויער
און מ׳האָט דאָס יידן־פאָלק געפירט צום קוילען
ווי מען פירט די לעמער,
האָט זיך דיין וואָרט געמאכט א וועג אויך דורך
תפיסה און לאגער־מויער
און ס׳האָט געמוטיקט אויך אין שול אויף דעם בעל־אמור.

ווען ס׳האָט די ברוין־און־גרינע בעסטיע מיט שפּאָט
אויף מיר געשפּיגן
און האָט דעם שוואַכן כח פון מיין גוף געוואָלט באַצווינגען,
האָב איך אונטער די שווערע קלעפּ און לאַסט געקרעכצט
נאָר דיין בטחון־ניגון האָט אין מיר געזונגען.

ווער שמועסט נאָך היינט, ווי נאָענט דו ביסט!
באַגלייטסט דאָך מיך אויף יעדן וועג.
ווען מיין בן דור אין רוימען פּליט
און מאַכט באַלד אין דעם הימל לעכער
מיין קאָפּ פאַר אים ווען איך פאַרנייג
איך טראַכט מיט שטאָלץ צו דיין „אויב נישט נאָך העכער״...

ס׳איז גוט מיט דיר צו גיין.
עס גייט זיך ניחא׳ר
נו, אוודאי, זיכער,
אַנדערש וואָלט דיין ליד געקלונגען,
גאָר אַנדערש דיין טאָן,
ווען מען שטיקט נישט אָפּ דעם עכאָ
פון דיין וואָרט ביי זעקס מיליאָן...

שוין וויפל יאָר איך גיי אַרום אַזוי מיט דיר,
דערפון האָמיר נאָך נישט גענוג גערעדט
און הער איך פון אַ נייעם נאַצי־פּרעה
ערגעץ ווייט פון ווען און ווען
יענעם אַלטן רוף: הבה נתחכמה לו פן...
פרעג איך דיך: ביז ווען?

די פראַגע נאָגט מיך אַזוי שווער, טייוולאָניש!
דערפון האָמיר נאָכנישט גענוג גערעדט.
דאָס מאַכט מיך אַז איך גיי אַרום אַ טאָג ווי מאָניש.
דעם צווייטן טאָג עס קומט צו מיר אין טרוים האַמלעט.

וווּ קוקסטו ווען איך רעד צו דיר?

איך זע: דיין האנט אלס דעכל פאר די אויגן האָסט געשטעלט
און קוקסט און זעסט דיין אויסגעטרוימטע וועלט.
א פרייע וועלט! די פעלקער לעבן זיך אין פריִדן,
מיט פעלקער גלייך — די שבת־יום־טובדיקע יידן.

דאס בילד איז געטלעך!
און זע! מען לייענט דאָך דיינע יום־טוב בלעטלעך!

# פרץ'ן א דאנק

שבת־רו.
פרימאָרגן — שטיל.
אין די ביימער
דרישט א פרילינגס־ווינט.
פּרץ טינקט אצינד זיין פעדער
אין דעם לעצטן טראָפּן טינט.
טוט די פעדער וואָס ער הייסט איר,
גייט נאָך זיין געדאנק,
און פארשרייבט אונדז בירושה
פרץ'ס לעצטן דאנק:
„שטילער, שטילער, דאנקען וויל ער...״
לעצטע ווערטער פון א ניגון
אין די לופטן שוועבן
פון א ניגון וואָס געוועבט האָט
פרץ ביי זיין לעבן...

אויף א בארג, פון הימל־הייך, א גרויסער שטערן פאלט.
קילער ווערט דאָס הייסע הארץ, אלץ קילער, קאלט!
„שטילער, שטילער, דאנקען וויל ער...״
לעצטע ווערטער, לעצטע ווערטער,
פון זיין מח און זיין הארץ.
אויף די ווערטער, לעצטע ווערטער,
פאלט א פאָרהאנג — — — שווער און שווארץ.

פאלט א פאָרהאנג אויף די ווערטער,
נישט אויף זיין געדאנק,
זיין געדאנק — ער קאָן דאָך פליען —
פאר דעם פלי — א דאנק!

„שטילער, שטילער, דאנקען וויל ער...״
לעצטע שורה דאנקט.

דאנקט אים אָפּ, דעם קאָפּ געבויגן.
אונדזער פּרץ דאַנקט.

הויבט דעם קאָפּ הויך! שטאָלץ זייט יידן!
— דאָס איז זיין פאַרלאַנג —
אין א וועלט פון לויטער יום טוב
פאַר זיין ברכה — א דאַנק!

דאַנקט אים אָפּ פאַר „דריי מתנות״
און פאַר „באָנציע שווייג״
דאַנקט אים פאַר „אויב נישט נאָך העכער״...
דאַנקט און העכער שטייגט.

דאַנקט אים פאַר זיין אויסרוף: „מיין נישט!״
פאַר זיין „האָף און גלויב!״
„אַלע מענטשן זענען ברידער״,
פאַר זיין „טרייסט״ א לויב!

פאַר זיין וואָרט מיט אָדלער־פליגל,
פאַר זיין ליבע־ליד.
פאַר זיין זאָרג פאַר אונדזער גורל,
דאַנקט אים אָפּ מיט ליד.

פאַר זיין לעבן וואָס געשענקט ער
האָט פאַר אונדזער קיום
פאַר זיין שאַל פאַר פריי און שלום
לאָמיר דאַנקען אים.

פאַר זיין שטרענגער, שאַרפער טענה
צו דער אַלטער וועלט,
וואָס געמוטיקט האָט אין געטאָס
אין דער נאַכט געהעלט.

פאר זיין אומרו, פאר זיין שטרעבן,
צו אלץ וואָס שיין און ניי,
פאר די פינטעלעך וואָס רעדן,
פינטעלעך די דריי...

„שטילער, שטילער, דאנקען וויל ער...״
פרץ׳ס ניגון שוועבט.
„שטילער, שטילער, דאנקען וויל ער...״
פרץ׳ס ניגון לעבט!

**אפריל, 1965**

# סיכסוך

יעדן טאָג גייט אויף דער טאָג אין סיכסוך מיט דער נאַכט.
די נאַכט פאַרלאַנגט זי זאָל זיך ציען לענגער, לענגער.
און זיין זאָל פאַרן טאָג אַלץ ענגער, ענגער.
מיט יעדן טאָג הייבט אָן דאָס זעלביקע געפּעכט:
דער טאָג, ער האָט קיין טאָג נישט,
די נאַכט, זי שלאָפט נישט דורך די נעכט.

די נאַכט טרעט אָפּ, אין שאָטן זיך באַהאַלט
און קומט מיט נייע כוחות באַלד.
א מידער פון דער שלאַכט, אָן ביקס אָן שווערד,
פאַלט אַוועק דער טאָג.
זיין בלוט גייט צו דער זון און זי גייט אונטער רויט.
נאָר ווען פאַרנאַכט, די נאַכט איז זיכער
אַז דער טאָג טוט פאַר איר קניען,
דעמאָלט מאַכט דער טאָג זיך זיין געבעט
אַז מאָרגן זאָל אויף טאָג ווידער שאַרייען.

# אין די אויגן פון א שווארצער קאווע

# די גראָזן רוישן ווי אמאָל

די זון האָט היינט צעפּאַטלט זיך די שטראַלן־האָר
ווי א פּויערטע אין טרויער
און מיט א כמארע א גרויער זיך פאַרדעקט דאָס פּנים.
פון שכנותדיקן וואלד מען הערט פון פויגל־טריל קיין שפּור־
אין טרערן וואַרגן זיך, ווייזט אויס, די נאַכטיגאַלן.
ס'האָט קיין שום בלום אין גאַנצער געגנט היינט
זיך נישט באַנוצט מיט שמינקע.
עס ווערט געלייגט דער גרונט־שטיין דאָ
צום מאָנומענט
פאַר די קדושים פון טרעבלינקע.
אַלע שטיינער פון דער וועלט
ווילן זיין דער ווינקל־שטיין
אַלע שטיינער אין זייער קלאַפּן ווינטשן
אַז דעם מאָנומענט פון זיי
זאָל אויסקלאַפּן דער האַמער פון דאַווינטשין.

גלייך נעכטן ערשט
פון שרעק און פּיין
אַזויפיל מענטשן
זענען דאָ אַראָפּ פון זינען.
מיר זענען דאָ אויף אָט דערזעלבער ערד
מען האָט געבּרענגט אונדז דאָ
געבּרענגט אונדז מיט מאַשינען.
מיר טרעטן דאָ אויף אָט דערזעלבער ערד
די ערד איז דוכט זיך אַלץ די זעלבע ערד.
הערט זי דאָס קול פון אומשולדיקן בלוט די ערד?
די הערט?
די גראָזן רוישן ווי אמאָל
א פּאַסטעך־פּייפל קלינגט אין טאָל
נאָר באַלד קלינגט אָפּ א ווידערקול
וואָס בייט דעם קלאַנג און בייט דעם טאָן:
זעקס מיליאָן!
זעקס מיליאָן!

מ׳ט אל׳ע יידן דאָ איך שטיי
די גאנצע וועלט איז דאָ דערנעבן
איך קוק און טראכט און נישט פארשטיי
צי טויט זע־מיר, צי גאָר די מתים לעבן?
א פויערטע פון שכנותדיקן דאָרף
געקומען איז מיט ביידע קינדער,
ווייסט זי וואָס עס קומט דאָ פאָר
צי קוקט זי גלאט ווי אויף א בייז ווונדער?
איך שעם זיך פאר דעם מענטשן־מין
און זוך א שטראל אין קינדערס בליקן,
איך שטרעק די אָרעמס צו א קינד געווענדט
און וויל עס נעמען אויף די הענט
נאָר ס׳האָט דאָס קינד מיר אויסגעדרייט דעם רוקן.
צום ערשטן מאָל געשעט, א קינד
זאָל אין די אויגן מיר נישט וועלן קוקן.
די גראָזן רוישן ווי אמאָל
א פאסטעך־פייפל קלינגט אין טאָל
נאָר באלד קלינגט אָפּ א ווידערקול
וואָס בייט דעם קלאנג און בייט דעם טאָן:
זעקס מיליאָן!
זעקס מיליאָן!
איך זע זיי אלע שפאנען
איבער אלע שבעה־מדורי־היטלער־גהינום
שפּרייזן דורך אכצן טויזנט קאמערן פון אומקום,
פאלן איבער אכצן טויזנט היילן און גיפטיקע גריבער
ווערן איינגעשלינגען פון אכצן טויזנט לעכער
איינגעפּרעסט אין אכצן טויזנט שפאלטן
אכצן טויזנט עקדישן דערשטיקן זייער לעצטן רעטונג־שאל
אלע גהינום־קרוגן גיסן אויס אויף זיי די גאל,
טייכן פעך און שוועבל, גאז, פארברענען זיי ביז אש
אלץ געהיים, בסוד, אָן דעם קלענסטן רעפּאָרטאזש.
טייכן פעך און שוועבל, גאז, האָבן פארוואנדלט זעקס מיליאָן אין אש
ארויפצושיטן אויף דער טינט פון נישט געדרוקטן רעפּאָרטאזש.
איך שטיי דאָ וווּ מען לייגט דעם ווינקל־שטיין
צום מאָנומענט
פאר די קדושים פון טרעבלינקע.
אלע שטיינער פון דער וועלט
ווילן זיין דער ווינקל־שטיין.

איך שטיי אויך פארשטיינערט
און א שטיין מיר ווילט זיך זיין
אויסבייטן מיין פלייש און בלוט אויף הארטן שטיין
ווייל ווי א שטיין איך שטיי א שטומער
און טראכט און קאָן אלץ נישט פארשטיין
וויאזוי אזוינס, אין אונדזער דור, עס האָט געקאָנט געשען.
אין מיין פארשטיינערט הארץ
א שבועה איך באהאלט:
זאָלן די הענט מירביידע דארן,
די רעכטע און די לינקע,
אויב איך פארגעסן וועל אָן אייך
קדושים פון טרעבלינקע!

טרעבלינקע — אפריל, 1958

## ריין הייסט...

לאָמיר בלייבן ריין פאר אונדזער אייגענעם מקום קדוש
פאר אונדזער אייגענעם בית המיקדש.
יעדער מענטש האָט זיין אייגענעם קדשי קדשים
אין זיין אייגענעם בית המיקדש
ווו נאָר ער אליין גייט אריין
און ווייטער קיינער, קיינער.
יעדער מענטש בויט זיין אייגן בית המיקדש,
זיין קדשי קדשים
יעדן טאָג, יעדן טאָג,
יעדע שעה, יעדע רגע,
ווייל קיינער קאָן נישט לעבן אָן זיין אייגענעם בית המיקדש.
די גאנצע וועלט וואָלט אומגעקומען
ווען זי באשטייט נישט פון אונדזערע בית המיקדש'ן,
ווייל יעדער איינער, יעדער מענטש,
מוז האָבן זיין אייגענעם בית המיקדש
פון ליד און פון ליבע
פון ברויט און פון האָניג
פון וויין און פון בלום
פון קונסט און פון אמת
פון וואָרט און פון פריינטשאפט.
לאָמיר בלייבן ריין פאר אונדזער אייגענעם בית המיקדש
ווייל אנדערש קאָנען מיר אין אים נישט אריינגיין
ווען מיר דארפן זיין אמאָל אליין.
אָן דעם אמת קאָנען מיר אין אים נישט אריינגיין.
אין אונדזער בית־המיקדש קאָנען אריינגיין נאָר ריינע מענטשן.
לאָמיר זיך נישט פארלאָזן אויף דער זייף מיט וועלכער
מיר וואשן זיך די הענט
זייף קאָן זיין חלב פון א פגירה.
לאָמיר זיך נישט פארלאָזן אויף דעם פארפום מיט וועלכן
מיר וואשן זיך דעם גוף,
פארפום קאָן האָבן אין זיך קעצן־קויט.
ריין הייסט
אמת אין קונסט

אמת אין ליבע
אמת אין פריינטשאפט
אמת אין דער וועלט אין וועלכער מיר לעבן.
גייען מיר אריין אומריינע אין אונדזער בית המיקדש
איז ער פון קונסט — אנטלויפן פון דאָרט אלע מוזעס
איז ער פון ליבע — שטארבט די ליבע
איז ער פון פריינטשאפט — ווערט ער פול מיט שינאה
איז ער פון בלום — ווערט פון אלע בלומען דערנער
איז ער פון וויין — גיסט דאָרט א רעגן פון עסיק
איז ער פון האָניק — ווערט דאָרט א קוואל פון גאל
גייען מיר אריין אומריינע אין אונדזער אייגענעם בית המיקדש
וואָס מיר אליין האָבן געבויט
צעפאַלן זיך די ווענט און לאָזן אונדז שטיין נאקעטע
פאר זיך און פאר דער גאנצער וועלט.
און שווער איז צו לעבן אָן אן אייגענעם בית המיקדש !
דאָס זאָגט אייך א ייד
וואָס האָט מיטגעמאכט דעם חורבן פון בית המיקדש׳ן צוויי
און ווייסט ווי שווער ס׳איז אָן זיי.

## צוקולעסקו

די אויגן וואָס האָבן היינט געקוקט אויף דיינע בילדער
דאָ אין זאל,
זענען דאָ געבליבן.
זיי ווערן אלץ קלענער, גליענדיקער,
דאָס פייער פון דיינע פארבן
גיסט זיך אריין אין זיי און הייסט זיי שלאָפן
אויף הימל־טעפיכער
אויף טעפיכער פון טרוים.
די אויגן ווילן אָבער נישט שלאָפן
זיי קוקן און גלויבן נישט זייער אייגענעם קוק:
פון די לייוונטן הויבן אָן ארויפליען די שמעטערלינגען
דאָס ערדענע קריגל גייט צום ברונעם נאָך וואסער
דאָס פלאקס באוועגט זיך צעפאטלט
די מאסקעס הויבן אָן א מאסקן־טאנץ
דאָס פעלד רופט אלע שאָף זיך פיטערן
די פיש אין וואסער הויבן אָן צו ציטערן
דאָס יונגע פאָרל פארן טויער לאָזט זיך שוועבן צום קאַיאַר
מיט א ניגון פון פאָלקלאָר
אויך גאלא גאלאקטיאָן — דער איבערזעצער פון תנ״ך —
ווי צו חצות, איז איצטער וואך
און ווי א פרומער, אונטערטעניק,
זאָגט ער תהלים אויסנווייניק.
ווער האָט אריינגעאָטעמט לעבן אין אָט דער טויטער וועלט?
ווער האלט די וועלט אויף גליענדיקע קוילן
אָן אנטבלויזטע פון אלץ וואָס ז׳האָט פארהוילן?
ווער שמייסט זי ווי מיט ריטער
און לאָזט זי נישט קיין רו געפינען
און האלט זי אין איין ציטער?
דיין פייער, דיין פייער,
דאָס פייער פון דיין טרוים,
דער טרוים פון דיין פייער
דיין פונק פון נביאות
וואָס ברינט זייער רו

וואָס ברענט זיי דעם שלאָף אף די וויעס.
די אויגן דערפילן
אַז זיי קאָנען זיך ניט שטילן
ווייל זייער קוק איז איבערגעצויגן,
ווי מיט א שלייער,
מיט בליק פון דיינע ברענענדיקע אויגן.
דיינע אויגן, צוקולעסקן, וואָס זענען אויך פארבליבן אין די בילדער
און קוקן אי ווילד אי מיט צאַרטקייט מיט מילדער
צו די אויגן וואָס גאַרן נאָך שלאָף
און מוזן זיין וואך, ווי א ייד מיט אחריות
ביים לערנען משניות.

דורך די שויבן קוקט אריין צו דיר
צו דיינע בילדער
וואָס איבערגעריסענע לבנה־רייפל,
וואָס באַווייזט זיך אויפן הימל מיטן מולד,
איינגעקאָרטשעט, ווי אין חבלי־לידה,
וויל זיך עס פאַרייניקן די עקן ביידע
ווי די עקן פון א קייט,
אויספולן די ליידיקייט,
און די ווייטיק לאָזט נישט נאָך,
מיט קיין האָר אפילו,
ביז לבנה ווערט נישט קיילעכדיק, א פולע.

## קנאה

איך בין אייך מקנא, פליער צו נייע וועלטן
דער שווארצאפל אייערער פארוואנדלט איז אין לויטער שירה,
אי פון דעם געזעגנעם, אי פון אויסבליק אין דער צוקונפט.
דורך ליניעס גראַדליניקע, געבראָכענע,
ציפערן און עקואציעס,
שפרייזט איר איבער צייטן, רוימען,
אייערע פליגל זענען פערזן
וואָס דערפליען צו דער וואָר פון טרוימען.
נאָר בשעת מיין קנאה וואקסט און קאָכט ווי א ווולקאן
בארויקט מיך דאָך דער געדאנק אז ס'איז פאראן
אין אייער ליד וואָס פליט צום טעלערל פון הימל
א ווינק פון פינקלדיקע שטערן
און אויך דער נייגיר צי אויף דער לבנה
קאָנען בלומען בליען און זיך נערן.
גאָר באזונדערס כ'האָב געפרייט זיך ביים דערהערן
אז איר געטראכט האָט אז אין העכסטן פליען איבער רוים און צייט
איז גוט צו פילן די געליבטע ביי דער זייט.
אינגאנצן האָט מיין קנאה אויפגעהערט
ווען כ'האָב געהערט
אז אויף קיין רגע לאָזט איר זיך נישט אָפרייסן
פון אונדזער מאמע ערד.
פארוואנדלט איז מיין קנאה אין א ברכה
וואָס בעט פאר אייער פלי
הצלחה.

# אין חלום א שורה

כ׳האָב א שורה אין שלאָף געחלומט
„אין ווילדן וואלד דער סאָלאָוויי
שפּילט פאר זיך זיין סאָלאָ־ווײ״.
אויפגעכאפּט זיך און פארשריבן,
בין איך שוין אָן שלאָף געבליבן.
איך קוק ארויס, ארויף צום הימל,
נישט קיין פויגל, נישט קיין דרימל.
ס׳ארא חלום! גיי פארשטיי
וואָס א חלום קאָן באהאלטן
ווען ער הויבט אָן ווערטער שפּאלטן
פאר א גראם וואָס קלינגט מיט ווײ
צו איין וואָרט וואָס קאָן זיין צוויי.

זאָל דאָס זיין צו מיר א רמז
אז אין מיר לעבט אויך א צווייטער
וואָס נאָך מיינע שפּורן גייט ער
און ער פּילט מיט מיר מיין ווײ
ווען פאר איינעם, ווען פאר צוויי
און צומאָל אויך פאר אן עדה
טראָגן מיר דעם ווייטיקביידע
און אחוץ אים ווייסט נישט קיינער
ווי מיר ווילט זיך ווערן איינער
איינער אָן אליינער
ווי אין וואלד דער סאָלאָוויי
וואָס שפּילט פאר זיך
זיין סאָלאָ־ווײ?

## דערגרייכונג

אין יעדן מענטש עס לעבט זיין אייגענער משיח.
דער מענטש, ער זוכט אים אין די טיפסטע טיפן,
ער זוכט אים אין די העכסטע הייכן,
און קאָן צו אים אין זיך נישט גרייכן.
א לעבנלאנג, דער מענטש, ער גייט צו זיין משיח
גייענדיק צו זיך
און גייענדיק, ער גרייט איז גיין פאר זיך און זיין משיח
אפילו אויך אויף דער עקידה,
ווייל נאָר אויף יענע וועגן, זאָגט מען,
קומט משיח ערשט אקעגן.
גייט אזוי דער מענטש און גייט
יעדער טאָג איז א נסיון
און א נדר פאר עקידה.
ווען דער מענטש באגעגנט זיין משיח
שטארבן זיי ביידע.

# די ערשטע סימפאָניע

די ערשטע און די שענסטע סימפאָניע
וואָס כ׳האָב ווען עס איז אמאָל געהערט
איז געווען די טשייניק־סימפאָניע
וואָס כ׳האָב אינדערהיים געהערט אלס קינד
ווען דער טשייניק האָט אָנגעהויבן צו קאָכן און צו פּייפן
א שיכורער פונעם ריח פון ליפּעווע צוויט.
פון דעמלט האָב איך געהערט א סך סימפאָניעס
זייער א סך זענען מיר געפעלן געוואָרן
אָבער, איך מוז באַדויערן,
קיין איינציקע האָט נישט געקלינגען
אזוי ליב אין מיינע אויערן
ווי ס׳האָט געקלינגען די טשייניק־סימפאָניע
וואָס כ׳האָב אינדערהיים געהערט אלס קינד
ווען דער טשייניק האָט אָנגעהויבן צו קאָכן און צו פּייפן
א שיכורער פונעם ריח פון ליפּעווע צוויט
און קיין שום סימפאָניע האָט נישט געלאָשן מיר מיין דורשט
אזוי גוט, אזוי גוט.

## וויאזוי דער פעטער אברהם האָט געגעסן ברויט

ווער ס'האָט נישט געזען דעם פעטער אברהם עסן ברויט
ווייסט נישט וויאזוי א מענטש דאַרף עסן ברויט.

נאָכן וואשן זיך די הענט און זאָגן שאו ידיכם
האָט ער אָנגעהויבן קושן מיט די ליפּן דעם המוציא לחם.
דערנאָך האָט ער שטייענדיק גענומען אויף די הענט דאָס ברויט
דאָס שווארצע
גענומען עס מיטביידע הענט
און מיט דער לינקער האַנט עס צוגעדריקט צום הארצן
דאַן מיט דער רעכטער האַנט גענומען האָט ער פונעם טיש דאָס מעסער
און דערנענטערט עס צום ברויט,
ווי עס דערנענטערט א ווירטואָז דעם סמיטשיק צו זיין פידל,
א קוק געטון צום וויב און צו די קינדער ארום טיש
און ווען דאָס וויב האָט צו די קינדער מיט דער האַנט
א מאַך געטון ששש...
האָט ער געגרייט זיך צו דער ברכה.
פאַרן צומאַכן די אויגן האָט ער זיי געעפנט גרעסער
א קוק געטון מיט ציטער צו דעם ברויט וואָס פילט דאָס מעסער
און ווי אַמאָל דער תנא זומא
אין איין אויגנבליק געטראַכט
צו אלע מענטשן וואָס האָבן פאַרזייט דעם זאָמען
צו די וואָס האָבן מיט זייער מי געדרעשט דעם ווייץ
און אים געמאָלן
דאָס טעג געקנעטן און דאָס ברויט געבאַקן
און אלץ פאַר אים געטון ווי פאַרן גרעסטן פריץ
אז ער זאָל איצטער קאָנען זאָגן ביי זיין טיש
המוציא לחם מן הארץ...
אָפּגעזאָגט, א פיר געטון דאָס ווייסע מעסער
איבערן שווארצן ברויט און אָפּגעשניטן
יעדן איינציקן זיין רייפטל ברויט.
געזעצט צום טיש זיך, האָט ער דערנאָך, מיט א קליין מעסערל,
אָנגעהויבן שניידן קליינע שטיקלעך פונעם רייפטל זיינעם

און גענומען עסן.

— פון א ברויט רייסט מען נישט, מען שניידט אָפּ א שטיקל.

— א מענטש דארף ניט שניידן א גרעסער שטיק ווי ער קאָן עסן.

— אלע עסנס זענען פוץ, ברויט דאָס איז דער עיקר

דארף מען לייגן כבוד אויפן ברויט

און נישט רייסן פונעם ברויט קיין שטיקער.

איעדן טאָג איז ער נישט מיד געוואָרן דאָס די קינדער לערנען

און זייער נישט לערנען פלעגט אים שטארק דערצערנען.

אָפּגעגעסן, צוגעדעקט דאָס ברויט

און גענומען זאמלען פונעם טיש די ברעקלעך.

דאָס איז ערשט געווען זיין רעכטע עבודה.

— אויפזאמלען די ברעקלעך פונעם טיש

נישט אראָפּווארפן זיי אויף דער ערד

עס זאָלן אויף זיי טרעטן מענטשן

איז מערער ווי מזומן בענטשן.

איז געווען צו קוקן און צו גאפן

ס'ארא פרייד א ברעקל האָט געקאָנט דעם מענטש פארשאפן.

יעדעס ברעקל אויפגעקליבן

עטלעכע געגעסן צום פארבייסן ווי מטעמים

זיך געקוויקט מיט יעדן ברעקל

ווי מען קוויקט זיך מיט א ראָזשענקע

און א זשמעניע ברעקלעך

געלאָזט פאר פייגל ביי דעם פענצטער.

אזוי פלעגט דער פעטער אברהם

אָנהויבן א ברויט, ווי מען הויבט אָן א קאָנצערט פון באך

כאָטש ער האָט פון באכן קיינמאָל נישט געהערט.

מיט דער לינקער האנט דאָס שווארצע ברויט געדריקט צום הארצן

מיט דער רעכטער האנט דערנענטערט צו דעם ברויט

דאָס ווייסע מעסער,

ווי א סמיטשעק צו א פידל...

# העמדער — טעג

פון מײַן זײדן כ'האָב געהערט, װאָס איך גיי דערציילן.
איך באַמי זיך אין דעם שיר, נישט קיין װאָרט פאַרפעלן.

איעדן אינדערפרי
טוט אָן דער מענטש אויף זיך א רײנעם טאָג
װי מען טוט אָן א העמד א װײס.
אזוי געשעט פונעם געבוירן
ביז מען װערט א גרײז.
לײגן אָן זיך העמדער־טעג
איעדן טאָג, דעם גאנצן לעבנס־װעג.
װען עס ענדיקט זיך דאָס לעבן
מוז מען אלע טעג, װי העמדער, איבערגעבן.
דארף דער מענטש א לעבן־לאנג זיך זאָרגן
אז יעדער טאָג זאָל בלײבן רײן און ציכטיק
װײל פונעם גאנצן לעבן
אז מען טוט א טראכט
איז אפשר דאָס אליין נאָר װיכטיק.

## איבערזעצנדיק אמאר קאיאם

אמאר קאַיאם וואָלט תנ״ך־יש געהייסן:
קאַיאם האָט געזאָגט.
וואָס, ווילט איר וויסן?
אין שלשה דברים
אין ווערטער אין דריי,
אלץ איז געוועזן,
און גאָרנישט איז ניי
און דאָס אליין, ווייסט ער,
איז אויכעט שוין אלט.
בלייבט נאָר צו זאָגן
אז וויין איז גוּט קאלט
און ליבע הייסט ברענען
אין פלאם און אין פייער
און אויפשטיין פון אש
א פארליבטער א נייער.

# אין די אויגן פון א שוואַרצער קאַווע

א שוואַרצע קאַווע מיט טויזנט אויגן
קוקט אין איר אייגענעם דנאָ
פון טאָלן וועלדער און פליינען
און וויל פון דאָרט דעם עתיד לייענען.
דער עתיד גייט אויף דעם נישט איין
און די אויגן פון דער קאַווע
גייען איין גייען איין
איינציקווייז איינציקווייז
ביז פון אלע אויגן בלייבט איינס
א קלאָרס און א ריינס
וואָס דערזעט אויפן דנאָ
א צווייט אויג א קליינס
וואָס האלט אין איין וויינען
און בעט זיך ארויף
צום אויג צו דעם ריינעם
אים זאָגן עס זאָל דעם אמת די וואָר
וואָס פון אים, פון אויג פונעם דנאָ,
עס וועט דאָרט געוואָר.

# אינהאלט

## מיין אלטע היים


פרימאָרגן ........ 7
א קינד אין פעלד ........ 9
אומרו ........ 13
אויגן וואַרטן אויף א ניגון ........ 14
אין ווייַנגאָרטן ........ 18
עס געדענקט זיך ........ 19
שוואַרץ אויף ווייס ........ 21
איך וועל שוין קיינמאָל קיין פּאָעט נישט ווערן 22
מיין טאַטנס האנט ........ 24
מיין אלטע היים ........ 26


## פארשטייט מיך, גערטנער


הענער־קריי ........ 29
אין דערוואַרטונג ........ 30
אפשר ........ 31
ווען וועל איך דיר דערציילן, אז... ........ 32
אַזוי־פיל טעג ........ 34
ווייל פארליבטע ........ 35
ס'איז אמת ........ 36
פאַראַנען טעג... ........ 38
די נעסט ........ 40
אין אָנהויב פרילינג ........ 41
יעדעס מאָל ........ 42
ווייס! ........ 43
נישט אלע... ........ 44
ווייטיק ........ 45
אַזוי־פיל יאָרן ........ 46
דער זייגער ........ 48
כ'האָב מורא ........ 49
אין א טאָג ........ 51
עס האָבן אלע געמיינט ........ 52
סודותדיקער סוד ........ 55
די טרער ........ 57
גרייז ........ 58
א טאָג צו גאַסט ........ 59
נישט איינמאָל ........ 60
וואָס טוען מיר איצט מיט דעם ליד? ........ 61

פארוואָס? ........ 62
ווארט די ליבע און זי בענקט ........ 63
ווי אין תהלים ........ 64
ברענענדיקע בריוו ........ 66
אויף דער וואך ........ 67
אויפן ערשטן שניי ........ 68
ווי מיקעל אנדזשעלאָ ........ 69
א דריבל ........ 70
הענט ........ 71
איך וואָלט געוואָלט ........ 72
דו! ........ 73
א ווונטש ........ 74
גורל ........ 75
בענקשאפט ........ 76
פראָסט ........ 77
פארשטייט מיך, גערטנער ........ 78

## סיכסוך

פון זאנדבורג ........ 81
אותיות אין חלום ........ 82
ווערטער ........ 85
מיט יצחק לייבוש פרץ ........ 87
פרץ׳ן א דאנק ........ 90
סיכסוך ........ 93

## אין די אויגן פון א שווארצער קאווע

די גראָזן רוישן ווי אמאָל ........ 97
ריין הייסט... ........ 100
צוקולעסקו ........ 102
קנאה ........ 104
אין חלום א שורה ........ 105
דערגרייכונג ........ 106
די ערשטע סימפאָניע ........ 107
וויאזוי דער פעטער אברהם האָט געגעסן ברויט.. ........ 108
העמדער־טעג ........ 110
איבערזעצנדיק אָמאר קאיאם ........ 111
אין די אויגן פון א שווארצער קאווע ........ 112

רעדאקטאָר: שלום רובינגער
טעכנישער רעדאקטאָר: שטעפאן לעפּאָיעוו

דרוק פעאיק דעם 10.10.1974. דערשינען 1974.
טיראזש: 65 + 460. פאפיר A. טיפּאָגראפי־
שע בויגן 4,83. פארלאגס־בויגן 3,17. פאָרמאט:
A 3308/11.2.1974. 70 X 100/56

דער דרוק איז אויסגעפירט לויט דער באשטע־
לונג נומער 324 אין דער פּאָליגראפישער אונ־
טערנעמונג „13טער דעצעמבער 1918" גריגאָרע
אלעקסאנדרעסקו גאס נומ. 89—95 בוקארעשט,
סאָציאליסטישע רעפּובליק רומעניע.